d18a600


# „אָרט“־ידיעות

ארויסגעגעבן פון דער צענטראַל־פאַרוואַלטונג פונם
פאַרבאַנד פאַר מלאכה און ערד־אַרבעט בא יידן («אָרט»)

**Verband-„ORT“, Berlin W 57, Bülowstraße 90, Telefon: Lützow 4986-88**

**Nr. 8** | **בערלין, אויגוסט 1929** | **V-טער יאָרגאַנג**



## Gummi-Werke „Elbe“ Akt.-Gesellschaft

### Klein-Wittenberg (Elbe)

Deutschland

געגרינדעט אין 1898 יאָר

אלערליי טעכנישע גומי־סחורות / גומי־קיש־קעס פאַר אַלע צוועקן / טרייב־רימען און טראַנספּאָרט־בענדער / גומי־פּאָדים פאַר באַנד־וועבערייען / גומי־וואַלצן פאַר פּאַפּיר־אינדוסטריע, טעקסטיל־פאַבריקאַציע און אַנדערע אינדוסטריע־צווייגן.

גומי־שטאָף פאַר היגיענישע צוועקן און קאָנפעקציע / גומירונג פון שטאָפן פאַר רעגן־מאַנטלען / קעמלעך פאַר האַרט־גומי / גומי־שיך פאַר באָד, ספּאָרט, שניי / איזאָליר־מאַטעריאַל, גומי־אַרטיקלען פאַר וועליסאָפּעדן און אויטאָמאָבילן / גומי־שוואָמען צו וואַשן אויטאָמאָבילן.

קאָרעספּאָנדענץ אויך אין רוסישער שפּראַך — **ГУММИВЕРКЕ ЭЛБЕ**



ELITE-DIAMANTWERKE A. G.
SIEGMAR — CHEMNITZ in Sa.

# עס לוינט זיך

## און האָט אַ רייכע צוקונפט

דער פאַרקויף פון אונזערע דיאַמאַנט שטריק־מאַשינעס. אין אַסך טויזנטער זיינען זיי אומעטום פאַרברייטעט צווישן היים־אַרבעטער און אין פאַבריקן. זיי ווערן צוועקמעסיק פּראָדוצירט פאַר אלערליי שטריקעריי־אויפגאַבן: פון דער איינפאַכסטער האַנט־שטריק־מאַשין ביז צו דער גאַנץ־אויטאָמאַטישער מאָטאָר־שטריק־מאַשין פון העכסטער לייסטונג. זיי זיינען דורכאויס צופרידנשטעלנדיק און ביליק.

נוצט אויס דעם נצחון־פולן גאַנג, וואָס די דיאַמאַנט־שטריק־מאַשין מאַכט דורך אין אַלע לענדער! אונזער גרויסאַרטיקער קונדשאַפט־דינסט וועט אייך אונטערשטיצן. דער שטריק־מאַשין־געשעפט פון דער צוקונפט געהערט דער פירנדער מאַרקע.

**Diamant**

אכטונג ! קנעפּ ! אכטונג
אכטונג אכטונג
אכטונג אכטונג
פון
גאַלאַליט און קונסט־האָרן אין פּרימע אויספירונג

| | 60″ | 48″ | 44″ | 36″ | 26″ | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| מארק | 3,00 | 4,00 | 5,50 | 7,00 | 12,00 | פּער גראָס |

M. Schmidt, Knopf-Fabrik
Berlin C. 2, Stralauer Straße 56
1440

Vesta Nähmaschinen Werke
L. O. Dietrich-Altenburg
1500 ארבּעט· 150.000 מאשינעס




די אויסגעצייכנטע
קוו אליטעט־ניי־מאשינעס
פאר שניידער און געווערב
לאנג־שווינג־צענטראל־ און רונד־שיפל
פאר האנט־און פוס־ארבעט



Friedrich Steinberg, Herrmann & Co. A.G.
LUCKENWALDE
היט פוז שטרוי אוז וואל און שטרוי·בארטן
טעלעגראפן־אדרעס: Hutsteinberg
טעלעגראפן־אדרעס: Hutsteinberg



SIEGFRIED BOCK
Berlin-Lichtenberg
FRANKFURTER ALLEE 135
הוט־פאבריק
ספעציאליטעט ווייכע און הארטע הערז־היט
ד א מ ע ן ־ ה י ט



געגרינדעט אין
1886



# פליסע-מאשינעס

אין פארשיידענע אויספירונגען
פאר דער גאנצער דאַמען-קאָנפעקציע
דאַמף-און טרוקן-קאַמער
אומעטום אויפצושטעלן

טעלעגראַפן-אַדרעס:
Plisseemaschine



Plisseemaschinen-Fabrik **Hermann F. W. Seeger,** BERLIN S.14, Stallschreiberstr. 6



**M. SCHANZE**
**LEIPZIG, Brüderstraße 51**
געגרינדעט אין 1878 יאר



## מיקראטאמעז
פון אייגענער קאָנסטרוקציע
מעסער און
הילף-מכשירים
פאר מיקראטאמען

● קאַטאַלאָגן ווערן געשיקט אומזיסט ●



## א באמת גוטע פרנסה

דורך מאַכן פרויען- און מענער-
זאָקן, אָן נעט, פון באַוול, וואָל
אָדער קונסט-זייד גיט אייך די

## ביליקסטע שטריק-מאשין אין דער וועלט!

ביליקסטער פרייז!
גרעסטע לייסטונגען!
איינפאכסטע באדינונג!



פאדערט אומזיסט צוליב אייער טובה וועגן פראספעקטן פון

**VASANTA**
Maschinenfabrik A.-G., Dresden-N 15



פרעציזירטע קאַלט-זעגען, מעטאַל-זעגן-בלעטער
מעטאל-זעג-בייגן



Fuldaer Maschinen- und Werkzeug-Fabrik
**WILH. HARTMANN** G. m. b. H. **FULDA** / O. R.



**Reutlinger Strickmaschinenfabrik**
**H. STOLL & Co.**
Reutlingen (Württemberg)



## שטריק-מאשינעס
אין ערשט-קלאַסיקער אויספירונג פאר
הויז-אינדוסטריע
און אויך
פאר פאַבריקן
פאַר זאָקן, אינטערקליידער, ספאָרט-ארטיקלען א. א.
זשאַקאָרד-מאַשינעס
פאר פארשיידנפארביקע, געמוסטערטע ארטיקלען
האַנט- און מאָטאָר-אַרבעט





## פליסע-מאשינעס
פליסע-דאמף-איינריכ-
טונגען, פליסע-פאַרמען
ערשטקלאסיק און ביליק!
אייגענע פאבריקאציע!
עקספאָרטירט אין אלע לענדער פארטרעטער געזוכט

**Richter & Mahler,** Plisseemaschinen-Fabrik
Berlin N 58, Schliemannstraße 5a

**PHOENIX**

בעסטע
שנעל-ניי־מאַשינ

פאר
הויז־געברויך
האַנטווערק־וואַרשטאַט
און אינדוסטריע

ספעציעֶלע ניי־מאַשינעס פאַר הויל־זוים (מערעזשקע) זיג־זאַג שטאָך, קנעפּל־לעכער א. א. וו.

BAER & REMPEL
BIELEFELD
געגרינדעט אין 1865־טן יאָר



# איירע וווינונגען

זאָלן זיין צוציענדע און געשיצט פון ווינט און שלעכטן וועטער. דאס אלץ קאָנט איר דערגרייכן דורך

# קיימישע מינעראל־פארבן

דער מאַטעריאַל, וואָס קריכט ניט אָפּ פון זון און וועטער און וואַשט זיך גוט, טויג צו פאַרבן

**פון אינווייניק און אויסווייניק**

**פאר דעקאָראַציעס און מאלערייען**

אויף קאַלך און צעמענט־פאַרפוצונג, פאר נאַטירליכע און קינסטליכע שטיינער, בעטאָן, פיין־פוץ, ציגל, אַזבעסט, קונסט־שיפער (עטערניט), גלאָז, צינק־בלעך, געהובלטע און אומגעהובלטע האָלץ א.א. — די פאַרב פארבינדט זיך מיט דעם אונטערגרונט אויף א כעמישן אופן, קאָנסערווירט אים און מאַכט אים האַרטער, עס בילדעט זיך קיין מאָך אין פוילעניש, ווייל ס'איז לחלוטין פריי פון אָרגאַנישע באַשטאַנדטיילן.—

ווענן די איבעריקע מעלות קאָנט איר זיך דערוויסן פון אונזערע דרוק־מאַטעריאַלן, וואָס מיר שיקן צו אומזיסט

טויג פאר יעדן קלימאט! ס'איז דערוויזן, אַז ס'האלט זיך פון 10 ביז 15 יאָר און מער

א י י נ צ י ק ע ר פ אַ ב ר י ק אַ נ ט

**Industriewerke Lohwald A.G. Lohwald b.Augsbg**

טעלעגראַפן־אַדרעס: **Indulo**



א שטענדיקער קוואל פון פארגעניגן בא דער ארבעט פאר יעדן

# ציגל־מאַכער

איז דער
**ציגל־אויוון**
**פון ,SCHAG'**

העכער **40,000** אין געברויך.

**ציגל־מאַכער!**

מיר גיבן אייך גערן אומזיסט אנווייזונגען וועגן אופן פון דער ארבעט, וועגן דער אויפשטעלונג און דער ווירטשאפטליכע קייט און אויספירליכע ידיעות וועגן זיינע מעלות

Ingenieur Gairing,
**Maschinenfabrik G.m.b.H.**
Riedlingen/Württembg.
(Deutschland)



# G. F. Grosser, Markersdorf (Chemnitztal)



פלאַך-מאשינ / רונדמאשין / שפולמאשין

געגרינדעט 1869.

ספעציאַל־שטריק־מאַשינעס פאַר
זשאַקאָרד־פאַרב־מוסטערן
אין פולקומסטער אויספירונג



**Fassbinder & Co.**
**G.m.b.H. Solingen**



אימפארט
פאבריקאציע
עקספארט

געגרינדעט אין 1906

אלערליי שארף־שטיינער
פאר האנטווערק און אינדוסטריע



מכשירים און מאשינעס
פאַר
קנעפלעך, שפראָנציקעס און האָר־פוץ

פון האָרן, קונסט־האָרן, צעלולאָיד און בלעך

אַפּאַראַטן און פרעסן
אויסצואַרבעטן שטאַף־קנעפלעך

1373

Otto Przyrembel BERLIN C. 25
Werkzeugfabrik Alexanderstraße 9




# ניי-מאשינעס פאר שטרוי־היט פון העכסטער לייסטונג

שטאַנדאַרד XIV. צו צונויפנייען אלערליי פלעכטונגען־קאנט דורך ציק-צאק-שטאך.
שטאַנדאַרד XII. אויבערשטאק־ניי־מאשין פאר אלע פ־עכטונגען און פעטלעס
שטאַנדאַרד XIII. הוט־באנד־באשניידמאשין פאר שטרוי־, פוץ־ און לינאן־פארמען
שטאַנדאַרד IV. קעטענשטאָך־ניי־מאשינעס פאר היטל־פאבריקאציע

אונזערע פאבריקאטן צייכענען זיך אויס שוין העכער 60 יאָר מיט זייער פיינקייט און אומבאַ־גרענצטע שטאַרקייט· ערזאץ־טיילן אויך פאר פרעמדע מאשינעס· בעסטע אויספירונג און ביליג

GEBRÜDER JACOB, GERA

**(Vereinigte Maschinen- und Werkzeugfabriken Gebrüder Jacob — Gust. Lappe & Co.)**

געגרינדעט אין 1869 יאר



**GEBRÜDER HAAGA** G.M.B.H.

STUTTGART

**Rundwirkmaschinen-Fahrik**

רונד־טריקאָטאַזש־מאשינעס
אויך פאר שנעללויף
מאָדערנסטע און ערשט־קלאַסיקע אויספירונג
פאר גלאַטע טריקאָ־שטאָפן
רינגל־שטאָפן
פרעסן־וועקסל־מוסטערן
אונטערשלאַק־שטאָף
פלאַטירטע לאַנג־שטרייפן
און כל־ערליי מוכטערן
(דייטשער מלוכה־פאטענט)







טעלעגראַפן־אדרעס: Succes-Berlin

ריטעהסהאַוזענס
פעלץ-ניי-מאשינעס
„SUCCES“
אין דער מאָדערנסטער אויספירונג
פאר פוס־ און קראַפט־אַרבעט.
ערשטקלאַסיקע קוואליטעט און
פון אריכות־ימים·
בעסטע רעפערענצן·

**M. RITTERSHAUSEN**
PELZ-NÄHMASHINEN FABRIK
**BERLIN O 27, Markusstraße 5**

טעלעפאָן: E 4 Alexander 7898



# גארבעריי-מאשינעס

## אין אַנערקענטער מוסטערהאַפטער קאָנסטרוקציע און אויספירונג




Johs. Krause G. m. b. H.
Altona-Hamburg



**Molitor**

**Bürsten und Pinsel**



*Qualität!*

פאַרלאַנגט אונזער קאַטאַלאָג
פאר הורטאַוניקעס № 28 a

C. v. Molitor. Pinselfabrik Bretten Baden



# בירשטן-פאבריקאציע

האט א גרויסע צוקונפט אין רוס־לאנד און אין די מזרח־לענדער, ווארום

בירשטן זיינען א גרויסער גע־ברויכס־ארטיקל

און רוי־שטאָפן באקומט מען גופא אין לאנד

די וועלט־באקאנטע בירשטן־מאַשינעס און ווערקצייג

ליפערט

**A. Zahoransky, Todtnau (Deutschland)**

ערשטע און באַדייטנדסטע פאַבריק פאַר ספעציאַל־מאַשינעס.




# מונדלאז

## ניי־מאשינעס

## פון אַלע סיסטעמען

פאר האנט־ און פוס־באטריב,

פאר הויז, ווארשטאט

און אינדוסטריע

אָן פארגלייך אין גוטקייט און לייסטונגפעאיקייט

**Mundlos Aktiengesellschaft, Magdeburg 30**

Nähmaschinen-Fabrik – Gegründet 1863

פאר

# בוי־און מעבל־סטאלערייען

## מעבל־פאבריקן,

## פאבריקן פאר האלץ־פראדוקטן

## און אלערליי האלץ־באארבעטונג

## זאמד־פאַפיר־שלייף־מאשינעס

פון אלערליי אַרטן, אלס די איינציקע ספעציאליטעט.

פראָספעקטן און אפערטן אומזיסט!

Ernst Carstens, Maschinenfabr.

**Nürnberg (Deutschland)**



# JUNKER & RUH

## ארויפזעץ־גאַז־פליטעס

זיינען באקוועם צו באדינען און ס׳איז לייכט אויף זיי אויפ־צופאסן

צו באַקומען אין פאכגעשעפטן

Junker & Ruh

Karlsruhe i./B.



אין

## יעדער אונטערנעמונג

אין לאנדווירטשאַפט

אין בוי־אונטערנעמונגען

בא מאלעריי

ניט אויסצוקומען

אן דער מאלעריי־מאשין

פרייז פון 120 מארק אן

צאָלט זיך אויס אין א קירצער צייט

L. Ritter Kdt.-Ges.

**Wallau / Lahn 31,** (Kreis Biedenkopf)

# שטריק־מאשינעס

## פאר האנט און מאטאר־באטריב

**60-יאָריקע דערפאַרונג**



**Dresdner Strickmaschinenfabr. Irmscher & Witte A.G.**

**Dresden A 28**

# „אָרט“־ידיעות

## ארויסגעגעבן פון דער צענטראַל־פאַרוואַלטונג פונם פאַרבאַנד פאַר מלאכה און ערד־אַרבעט בא יידן („אָרט“)

Verband-„ORT“, Berlin W 57, Bülowstraße 90, Telephon: Lützow 4986-88

Nr. 8 | בערלין, אויגוסט 1929 | ו־טער יאָרגאַנג


# פּלענאַר־זיצונג פון צענטראַל־פאַרוואַלטונג

## לאַנדווירטשאַפטליכע אַרבעט אין רוסלאַנד

### באַריכטן פון ד״ר מ. זילבערפאַרב און י. צעגעלניצקי

דער לעצטער פּלענום, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 19־טן און 20־טן יולי, איז געווען געווידמעט הויפּטזאַכליך דער פאַרבאַרייטונג צו דער סעסיע פון צענטראַל־ראַט. א באַזונדער אויפמערקזאַמקייט פאַרדינען די באַריכטן, וואָס זיינען געהאַלטן געוואָרן אויפן פּלענום פון מ. זילבערפאַרב און י. צעגעלניצקי וועגן דער אַרבעט פון „אָרט“ אין רוסלאַנד.

ד״ר מ. זילבערפאַרב איז אנהויב מאַי ארויסגעפאָרן קיין רוסלאַנד אין שליחות פון דער צ. פ., האָט דאָרט פאַרבראַכט כמעט א פּאָר חדשים, האָט גענוי אויסגעפאָרשט די אַרבעט, וואָס „אָרט“ פירט דאָרט דורך, און האָט אָפּגעגעבן אויפן פּלענום א באַריכט פון זיין רייזע. דעם צענטראַלן אָרט אין זיין באַריכט האָט פאַרנומען די אַרבעט אויפן לאַנדווירטשאַפטליכן געביט.

אין פיל הינזיכטן באַפרידיקט אים ניט די לאַנדווירטשאַפטליכע אַרבעט, אייגנטליך — די קאָלאָניזאַציע אין אָדעסער ראַיאָן. מיר האָבן פריער געגלויבט, זאָגט ער, אַז מיט דעם, וואָס מיר האָבן אין אָדעסער ראַיאָן אויסגעגעבן 220 רובל אויף א פאַמיליע, האָבן מיר שוין כמעט, ווי אויסגעפילט אונזער חוב און אַז אונזער ווייטערדיקע אַרבעט אין דעם ראַיאָן וועט זיין אַ רעלאַטיוו לייכטע. דאָס איז אָבער א טעות. כדי איינגאַנצן צו באַזאָרגן א פאַמיליע, מוז מען האָבן 1,000 ביז 1,200 רובל, און אויב מ׳זאָל צו אונזערע 220 רובל נאָך צורעכענען 140 רובל, וואָס די רעגירונג האָט אין אָדעסער ראַיאָן אויסגעגעבן אויף א פאַמיליע, בלייבט נאָך א גרויסע דיפערענץ, וואָס איז ביז היינטיקן טאָג נאָך ניט געדעקט. דערמיט דערקלערט זיך, למשל, דער פאַקט, אַז אין דעם ראַיאָן קאָן דאָס בויען פון 150 הייזער ניט פאַרענדיקט ווערן. כדי צו פירן א דערפאָלגרייכע טעטיקייט, וואָלטן מיר געמוזט האָבן מינימום 500 רובל אויף אַ פאַמיליע. אין די קאָלאָניעס פון דזשאַנקוי האָט מען אויף יעדער פאַמיליע אויסגעגעבן בערך 1,000 רובל אין פאָרם פון פאַרשיידענע קרעדיטן.

ווי איר ווייסט, ווערט איצט אין רוסלאַנד דורכגעפירט די אַזוי גערופענע קאָלעקטיוויזאַציע פון דאָרף. איך ווייס ניט, אויף וויפיל דער דאָזיקער עקספּערימענט וועט זיך איינגעבן; אונזערע אַגראָנאָמען צווייפלען. יעדנפאַלס אין דעם, בפרט, ווען ס׳האַנדלט זיך וועגן יידישן דאָרף, מען מוז פעסטשטעלן, אַז א דאַנק דער קאָלעקטיוויזאַציע איז דער חשק צו אַרבעט בא די יידישע קאָלאָניסטן געוואָרן ניט גרעסער. דורך דעם ליידט, נאַטירליך, זייער שטאַרק דער אַלגעמיינער מצב פון די קאָלאָניעס.

איך מוז באַטאָנען, אַז לויט די אָפיציעלע דאַטן, ווערט דער עקספּערימענט פון קאָלעקטיוויזאַציע אין די ראַיאָנען, וווּ מיר אַרבעטן, דורכגעפירט אין אַ גרעסערער מאָס, ווי אין לאַנד בכלל און אין די אַנדערע ראַיאָנען פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע.

א חוץ דעם ווערט איצט, ווי איר ווייסט מסתמא, זייער שאַרף דורכגעפירט אויך אין די יידישע קאָלאָניעס די סאָציאַלע גלידערונג פון ערד־אַרבעטער אויף אָרימע, מיטלערע און קולאַקעס. ס׳ווערן געשאַפן „קאָמבעד׳ן“ — אָרימקייט־קאָמיטעטן. דאָס ברענגט אַריין זייער פיל שטערנדיקע מאָמענטן, איבערהויפּט נאָך ווען אין די יידישע קאָלאָניעס ווערט עס דורכאויס קינסטליך דורכגעפירט, ווייל ס׳איז ניטאָ קיין שום רעאַלער באָדן דערפאַר.

אָבער שווערער פון אַלץ רופט זיך אָפּ אויף דער אַנטוויקלונג פון די יידישע קאָלאָניעס די א. נ. ק אָ נ ט ר אַ ק ט אַ צ י ע. זי באַשטייט אין דעם, וואָס דער קאָלאָניסט, וועלכער שרייבט אונטער א קאָנטראַקט מיט דער רעגירונג, איז זיך מתחייב אָפּצוגעבן זיין תבואה דער רעגירונג צו א מקח, וואָס זי שטעלט פעסט. כדי איר זאָלט פאַרשטיין, וואָס דאָס באַטייט, מוז איך אייך זאָגן, אַז די רעגירונג צאָלט, למשל, פאַר אַ פּוד קאָרן אויפן סמך פון דער קאָנטראַקטאַציע 90 קאָפּיקעס, בעת דער פּרייז אויפן פרייען מאַרק איז 3,60 רובל אַ פּוד. דעריבער פאַרשטייט איר, אַז די קאָנטראַקטאַציע קאָן ארויסרופן גרויסע שוועריקייטן אין דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון די קאָלאָניעס. לויטן געזעץ, איז אייגנטליך דער קאָלאָניסט ניט מחויב זיך אומבאַדינגט צו קאָנטראַקטירן. די קאָנטראַקטאַציע ווערט דורכגעפירט אויפן סמך פון פרייוויליקייט. אָבער די אָפּשטימונגען וועגן דעם ווערן דורכגעפירט אין די יידישע קאָלאָניעס אויף אַזאַ אופן, אַז פאַקטיש נעמט די קאָנטראַקטאַציע אַרום אַלע קאָלאָניסטן. ווי שטאַרק דער יידישער קאָלאָניסט ליידט פון דער קאָנטראַקטאַציע, קאָנט איר זען פון דעם, וואָס פאַר דער מלחמה האָט א פויער אוועקגעגעבן פאַר א פּאָר שטיוול העכסטנס 6 פּוד קאָרן, היינט מוז ער פאַר דער זעלביקער פּאָר שטיוול אוועקגעבן 25 פּוד.

און דאַן קומט נאָך די פראַגע וועגן די אַזוי גערופענע „ל י ש ע נ צ ע ס“. א לישענעץ איז אין א באַדייטנדיקער מאָס א רעכטלאָזע באַשעפעניש. ער האָט ניט קיין רעכט צו קויפן פּראָדוקטן אין די קאָאָפּעראַטיוון. זיינע קינדער האָבן ניט קיין רעכט אויפגענומען צו ווערן אין די שולן פון ערשטער שטופע. די שטייערן ווערן בנוגע צו לי־

שענצעס פעסטגעשטעלט ניט לויט דער געזעצליכער נארם, נאר גאנץ אינדיווידועל. א לישענעץ ווערט יעדער, וואס באנוצט זיך מיט געדונגענער ארבעט אויך דענסטמאל, ווען דאס קומט פאר אין א גאנץ מינימאַלער מאס. צווישן די יידישע ערד־ארבעטער ציילט מען אן ערך 30 פראצענט לישענצעס. גאנץ אנדערש איז אונזער ארבעט אין ווייס־רוסלאנד, וו „אָרט“ פירט דער עיקר די ארבעט פון ביישטעלדיקער לאנדווירטשאפט.

דארט האבן מיר דורך קליינע קרעדיטן דערגרייכט אויסגעצייכנטע רעזולטאטן. אין ווייסרוסלאנד האבן מיר אויסגעגעבן נאר 30 פראצענט פון דעם, וואס אין אדעסער ראַיאָן. ניט געקוקט אויף דעם, איז אבער דער געזעלשאפטליכער און ווירטשאפטליכער עפעקט פון אונזער ארבעט אין ווייסרוסלאנד אסך גרעסער. איך האלט, אז מיר וואלטן באדארפט אנהויבן אזא מין טעטיקייט אויך אין קיעווער ראַיאָן. לויט א דעקרעט, ווערן פאר יידישע שטעטלעך אין קיעווער ראַיאָן אפגעפירט שמחים ערד, און איך גלויב, אז אונזער ארבעט אין דעם ראַיאָן וואלט אויך געבראכט א גרויסן דערפאלג.

נאטירליך, לייג איך ניט פאר אפצושטעלן אונזער ארבעט אויפן געביט פון קאלאָניזאַציע, נאר איך האלט, אז מיר דארפן קאנצענטרירן אונזער ארבעט הויפטזאכליך אויף דער ביי־שטעטלדיקער לאנדווירטשאפט.

נאך זילבערפארבן באקומט דאס ווארט צום באריכט י. צעגעלניצקי.

אונזער ארבעט אויפן לאנדווירטשאפטליכן געביט האבן מיר אנגעהויבן אין יאר 1923. זי האט געהאט בלי שום ספק א גרויסן דערפאלג. איך האלט, אז מיר דארפן ניט אוועקגיין פון דער דאזיקער ארבעט, הגם זי איז אין פארגלייך מיט דער ארבעט פון דזשאָינט און יק"א אויף דעם געביט א באשיידענע. איר ווירקונג איז אבער זעהר גרויס און מיר דארפן ניט אוועקלאזן אונזערע פאָזיציעס, ווייל דאס וואלט באטייט שעדיקן די גאנצע אויפבוי־ארבעט. איך בין אלע מאל געווען דערפאר, אז מיר זאלן פארברייטערן אונזער טעטיקייט און אנהויבן צו ארבעטן אויך אין קיעווער ראַיאָן. אין אָדעסער ראַיאָן זיינען פאראן גרויסע מעגליכקייטן פאר וויינגערטנעריי און שאָף־צוכט. בא היינטיקן טאג באדינען מיר אין אָדעסער ראַיאָן 1.200 פאמיליעס, אין פּערוואָמאַיסקער — 900 און אין ווייסרוסלאנד בערך 3.200 משפחות. אין אָדעסער ראַיאָן האבן די קאָלאָניסטן מיט זייערע אייגענע הענט אנגעהויבן צו בויען א נייעם לעבן. א דאנק אונזער הילף זיינען זיי געבליבן אויף דער ערד, ניט געקוקט אויף דעם, וואס זיי האבן געמוזט אין די לעצטע יארן איבערלעבן זעהר קריטישע צייטן. מיר זיינען געווען פּיאָנערן אויפן געביט פון קאלאניזאציע אין רוסלאנד. איר ווייסט זעהר גוט, וואס פאר א באטייט דאס האט געהאט און איך האלט, אז מיר מוזן אימבאדינגט בלייבן בא דער דאָזיקער ארבעט.

אייך האבן באאומרואיקט די פאקטן, וואס פריינט זילבערפארב האט דא מיטגעטיילט אין צוזאמענהאנג מיט דער קאלעקטיוויזאַציע און קאנטראקטאַציע און אנדערע מאסנאַמען, וואס ווערן איצט אנגענומען פון דער רעגירונג. איך האב ניט בדעה די דאזיקע מאסנאמען צו פארטיידיקן, אויב ס'זיינען פאראן נעגאטיווע מאמענטן אין אונזער ארבעט, איז אויף וויפיל זיי זיינען ניט אפהייניק פון אונז, מוז מען זיך רעכענען מיט זיי, ווי מיט פאקטן. אגב, מוז איך זאגן, אז די לאגע אין אָדעסער ראַיאָן איז גארניט אזוי טרויעריק, ווי עס האט אונז דערציילט פריינט זילבערפארב. איניקע פארמען פון קאלעקטיוויזאַציע ווי, למשל, דאס געמיינזאַמע איינקויפן און באנוצן פון טראקטאָרן און אנדערע לאנדווירטשאפטליכע מאשינעס, האלט איך אפילו פאר נוצליך.

די פראגן פון קאנטראקטאַציע האט פריינט זילבערפארב באלויכטן אַביסל איינזייטיק. אין דער קאנטראקטאַציע זיינען דא אייגנטליך אויך נוצליכע מאמענטן. די רעגירונג שטעלט פעסט די פרייזן אויף תבואה, זי גיט אבער ארויס דעם קאלאניסט, מיט וועמען זי שליסט א קאנטראַקט, אַוואַנסן, און איר ווייסט, וואס פאר א באדייטונג ס'האבן קרעדיטן בא יידישע קאלאניסטן.

אונזער ביודזשעט באטרעפט פאר אדעסער, פערוואמאיסקער ראַיאָנען און פאר ווייסרוסלאנד אן ערך 220 טויזנט רובל. דערפון באקומען מיר פון „אָרט“ 150 טויזנט רובל און דעם רעשט פון 70 טויזנט רובל נעמען מיר פון די צוריקצאלונגען פאר די אלטע הלוואות.

פריינט זילבערפאַרב האט רעכט, בשעת ער זאגט, אז מיר מוזן אנהויבן צו ארבעטן אין קיעווער ראַיאָן. איך האלט אויך, אז די ארבעט וואלט דארט געהאט זעהר א גוטן דערפאלג. די אביעקטיווע מעגליכקייטן זיינען פאראן, ס'איז נאר א פראַגע פון געלט.

וואס אנבאלאנגט דעם בוי פון הייזער אין די קאלאניעס, איז סך־הכל 15 פראצענט פון די קאלאניסטן האבן נאך ניט קיין הייזער, און דאס זיינען די, וואס האבן זיך נאך ניט אינגאנצן אפגעריסן פון שטעטל און פעסט באזעצט אויף דער ערד.

בשעת מ'רעט פון 220 רובל אויף א פאמיליע, מוז מען געדענקען, אז דאס איז די דורכשניט־צאל, ס'זיינען אבער פאראן פאמיליעס, וועלכע מיר האבן געגעבן קרעדיטן פון 600 ביז 800 רובל.

בכלל דארף מען ניט פארגעסן, אז די קאלאניסטן האבן געהאט 2 יאר נאכאנאנד אומגערעטענישן. ווען דאס זאל ניט געשען, וואלטן זיך בא היינטיקן טאג די קאלאניעס אין אדעסער ראַיאָן זיך געפונען אין א זעהר גינסטיקן מצב.

ריכטיק איז, אז די פראגע וועגן די „לישענצעס“ שטערט זעהר שטארק דער ארבעט. וועגן דעם האב איך שוין פארהאנדלט מיט די איינפלוסרייכע פערזענליכקייטן אין מאסקווע און האף, אז ס'וועט געלונגען אין דער נאענסטער צייט אריינצוברייגען אין דער דאזיקער פראגע א באדייטנדיקע דערלייכטערונג.

נאך די באריכטן האט זיך אנטוויקלט א דיסקוסיע, אין וועלכער ס'האבן זיך באטייליקט סענאַטאר קערנער, ד. לוואוויטש, א. סינגאַלאווסקי, ל. פרענקעל, ד"ר מאסקאוויץ, א. ראזין און ל. בראמסאן.

סענאטאר ק ע ר נ ע ר פארטייטיקט ווי תמיד זיין ספעציעלע שטעלונג צו דער פראגע וועגן דער קאלאניזאַציע־ארבעט פון „אָרט“ אין רוסלאנד. בכלל, איז ער ניט קיין קעגנער פון קאלאניזאַציע, ער האלט אבער, אז „אָרט“ האט קיין מעגליכקייט ניט צו פירן א ברייטע ארבעט אויף דעם געביט, ובכן דארף מען עס איבערלאזן פאר די גרויסע יידישע ארגאַניזאציעס, וואס פארמאגן באדייטנדע קאַפיטאלן. ער מיינט, אז מ. זילבערפארבס באריכט באשטעטיקט די ריכטיקייט פון זיין שטעלונג. „אָרט“ מוז איצט קאנצענטרירן זיין טעטיקייט אויפן געביט פון אינדוסטריאַליזירונג און ביי־שטעטלדיקער לאנדווירטשאפט.

די איבעריקע רעדנער האבן אונטערגעשטריכן די נויטווענדיקייט צו קעמפן קעגן די נעגאַטיווע מאמענטן, וואס מערקן זיך אין דער קאלאניזאַציע־ארבעט, האבן אבער אנגעוויזן אויף דער גרויסער וויכטיקייט פון דער עצם ארבעט, וואס „אָרט“ פירט דורך אויף דעם געביט. „אָרט“ טאר זיך פון דער ארבעט פאר קיין פאל ניט אפזאגן. אלע רעדנער זיינען געווען איינשטימיק, אז מ'דארף פארשטארקן די ארבעט אויפן געביט פון ביי־שטעטלדיקער לאנדווירטשאפט.

# דריטע סעסיע פון צענטראַל־ראַט

דעם 21=טן יולי איז אין בערלין אין לאקאַל פון „אָרט“ געעפנט געווארן די 3=טע סעסיע פונים צענטראל=ראַט. ס׳נעמען אנטייל די ראט=מיטגלידער: ע. איינער (לאדזש), א. אַלפערין (פאריז), ד״ר ל. בראמסאן (בערלין), י. בראדנייץ (בערלין), ז. גארין (ראוונע), ד״ר מ. דיאַמאנט (טשערנאוויץ), א. דאבקין (ווארשע), ד״ר מ. זילבערפארב (ווארשע), י. יאשונסקי (ווארשע), ב. כהן (ווילנע), ד״ר ל. כאלאנאי (קישינעוו), ש. לעוויטאַס (ריגע), ד״ר ד. לוואוויטש (בערלין), ד. מאָווישאָוויטש (לאנדאן), ד״ר ה. מאָסקאָוויץ (ניו=יארק), ד״ר א. סינגאלאווסקי (בערלין), ד״ר סודארסקי (קאוונע), מ. פיינלייב (בערלין), י. צענעלניצקי (מאסקווע), ד״ר י. קרוק (ווארשע), סעקרעטאַר מ. קערנער (ווארשע), ח. ראזענבעם (ווארשע). חוץ דעם די איינגעלאדענע צו דער סעסיע: ב. אייסוראוויטש, ד״ר מ. טראַוב, ג. כארנאס, ח. פיינין, ד״ר ל. ראוכווערגער און א. ראזין.

די סעסיע עפנט אויף דער פרעזידיום=מיטגליד פון צענטראל=ראט ד״ר ה. מאסקאוויץ און גיט דאס ווארט צו א באגריסונגס=רעדע אין נאמען פון צ. פ. ד״ר ל. בראמסאן, וועלכער ווייזט אן אין קורצן אויף דער באזונדערער חשיבות פון דער איצטיקער סעסיע. „אָרט“ שטייט איצט פאר א וויכטיקן ווענדפונקט אין זיין גאנצער ארבעט. ס׳זיינען אויפגעקומען נייע אידייען און לאזונגען, די ארבעט אין נאענטסטן יאר וועט גיין אונטערן צייכן פון אינדוסטריאַליזירונג פון די יידישע מאסן אין מזרח=אייראפע. אבער ווארפנדיק זיך מיט פולער ענערגיע אויף דעם נייעם ארבעטס=צווייג, טארן מיר גלייכצייטיק פאר קיין פאל ניט פארלאזן און אפשוואכן אונזער טעטיקייט אויף די פריערדיקע געביטן. פונקט ווי מיר ווילן ניט, אז די יידישע עקאנאמיק זאל זיין איינזייטיק, פונקט אזוי דארף די ארבעט פון „אָרט“ ניט זיין איינזייטיק.

אין א פארשטארקטער מאס דארף געפירט ווערן די ארבעט אין פוילן און אין די איבעריקע ראנד=מלוכות.

צווישן די וויכטיקסטע פראגן, וואס די סעסיע וועט דארפן באשליסן, שטייט די ביודזשעט=פראגע. הייינטיקס מאל קאן מען דעם ביודזשעט ניט באטראכטן ריין מעכאניש, דאס איז א פראגע פון פלאן און פראגראַם.

די אויפגאבן, וואס „אָרט“ מוז זיך שטעלן אויפן קומענדיקן ארבעטס=יאר, וועלן פאדערן פיל מער מיטלען און אויך פיל מער ארגאַניזאַטארישע כוחות, ווי ביז איצט. ס׳מוז דעריבער געמאכט ווערן די העכסטע אנשטריינגונג צו פארשטארקן אונזער ארגאַניזאַציע גופא. נייע מיטגלידער און נייע פריינט מוזן צוגעצויגן ווערן צו אונזער ארבעט.

ד״ר בראמסאן דערמאנט מיט ווארימע ווערטער די פארשטארבענע אין פאָריקן יאר טוער און פריינט פון „ארט“ — ד״ר ב. באָגען (ניו=יארק), י. ווילנער (לאדזש), ד״ר כהן=בערנשטיין (בעסאראַביע), פרעזידענט פון „יקא“ פ. פיליפזאָן (פאַריזש), יאָזעף פראַג (לאָנדאָן) און ש. שטיינבערג (אָדעס). די סעסיע באַערט דעם זכרון פון די נפטרים מיט אויפשטיין.

## באַריכטן פון צענטראַל־פאַרוואַלטונג

### אַלגעמיינע טעטיקייט פון פאַרבאַנד

דער גענעראל=סעקרעטאר ג. אראנסאן גיט אפ דעם אלגעמיינעם באריכט וועגן דער טעטיקייט פון פארבאנד פארן יאר 1928=29.

די הויפט=געביטן פון דער טעטיקייט זיינען געווען: פראפעסיאנעלע בילדונג, לאנדווירטשאפט, באזאָרגן בעלי=מלאכות און דעקלאסירטע מיט מאשינעס און מכשירים, פינאנסן, ארגאַניזאַציע און פראפאַגאַנדע.

די נעץ פון אנשטאלטן פאר פראפעסיאנעלער בילדונג, וואס דער „אָרט“ האלט אויס און סובסידירט, האט זיך אין משך פון פארגאנגענעם יאר איינגעגעבן צו פארשטארקן און דערפירן ביז 73, אין וועלכע ס׳האבן זיך געלערנט 7242 שילער. (אין 1927=28 אן ערך 6,000). פארן לעצטן יאר זיינען געגרינדעט געווארן 13 נייע שולן און קורסן אין ווארשע, ביאליסטאק, בריסק, כארנע, קאוונע, ריגע, האמעל, וויטעבסק און מינסק. אצונד צום אנהויב פון נייעם אָפעראציע=יאר פארמאגן מיר: אין פוילן — 37 אנשטאלטן מיט 3735 תלמידים, אין סאוועט=רוסלאנד — 11 אנשטאלטן מיט 1503 תלמידים, אין רומעניע — 15 אנשטאלטן מיט 1449 תלמידים, אין לעטלאנד 5 — מיט 376 תלמידים, אין ליטע 4 מיט 137 און אין דייטשלאנד (בערלין) — 1 מיט 42 תלמידים.

לויט די באזונדערע טיפן פארטיילן זיך די פראפ.=אנשטאלטן אויף פאלגנדיקן אופן: 33 פראפעסיאנעלע שולן מיט 3128 תלמידים, 31 קורסן און לערן=ווארשטאטן פאר דערוואקסענע מיט 2499 תלמידים, 8 קורסן, שולן און פאטראנאטן פאר האנטווערקער=לערן=ייִנגלעך מיט 1314 תלמידים און 1 טעכנישע מיטל=שול מיט 301 תלמידים.

דער באריכט קאָנסטאטירט באדיימנדיקע דערגרייכונגען אין דער טעכנישער איינריכטונג און אנטוויקלונג פון די פראפעסיאָנעלע שולן. דער גרויסער דערפאלג, וואס ס׳האט געהאט די באוועגליכע אויסשטעלונג פון די עקספאָנאַטן, וואס זיינען אויסגעארבעט געווארן אין די שולן פון „אָרט“, איז געווען אן איבערצייגנדיקער באווייז הן פון דער נויטיקייט און נוצליכקייט פון די שולן און הן פון זייער טעכנישן פארשריט.

די הוצאות פונם פארבאנד אויף פראפעסיאנעלער בילדונג האבן אין יאר 1928 באטראפן 148,285 דאָלאַר, ד. ה. אן ערך א דריטל פון דעם גאנצן ביודזשעט פונם פארבאנד אין דעם באריכט=יאר, אין 1926 האבן נאך די אויסגאבן באטראפן 79,890 און אין 1927 נאר 95,789 דאלאר.

אויסגעוואקסן איז אין פארגאנגענעם יאר אויך די טעטיקייט פון פארבאנד אויף דעם געביט פון לאנדווירטשאפט. ניט געקוקט אויף פילע שטערונגען, מניעות און 2 יאר שלעכטע גערעטעניש, איז געוואקסן סיי דער שטח, סיי די קוואליטעט פון דער ארבעט.

סך=הכל האט „ארט“ באדינט אין פארגאנגענעם יאר אין די לענדער פון מזרח=אייראפע 141 פונקטן מיט 4737 משפחות אויף א שטח ערד פון 39,064 דעסיאטין. פון זיי: אין סאָוועט=רוסלאנד — 86 פונקטן מיט 3222 משפחות אויף א שטח פון 32,332,5 דעסיאטין, אין פוילן — 18 פונקטן מיט 911 משפחות אויף א שטח פון 3,100 דעסיאטין און אין בעסאַראַביע — 37 פונקטן מיט 604 משפחות אויף א שטח פון 3,613,5 דעסיאטין.

די הוצאות פונם אויפבוי=פאנד און פארבאנד אויף דער לאנדווירטשאפטליכער ארבעט האט אין באַריכט=יאר באטראפן ארום און ארום 116,713 דאָלאַר. פון דעם זיינען אויסגעגעבן אויף קרעדיטן 94,709 דאל. אדער 81,4 פראצ., און אויף לאנדווירטשאפטליכער אינסטרואירונג 21,607 דאל. אדער 18,6 פראצ. פון דער אלגעמיינער סומע לאנדווירטשאפטליכע קרעדיטן פאלן אויס: אויף רוסלאנד — 67.120 דאלאַר,

פוילן — 19,362 דאָלאַר, רומעניע – 7778, לעטלאנד – 339 און ליטע – 111 דאלאַר. אויף לאנדווירטשאפטליכער אינסטרואירונג איז אויסגעגעבן געווארן: אין רוסלאנד 17,002 דאָלאַר, אין רומעניע — 3238 דאָלאַר און אין פוילן – 1367 דאָלאַר.

## קרובים־הילף און איינקויף־געזעלשאַפט

דער באריכט פון דער צענטראַל=פארוואלטונג איז דערגענצט געווארן מיט באריכטן פון ד"ר ה. ל וו א וו י ט ש וועגן דער ק ר ו ב י ם=ה י ל ף און פון אינזש. כ א ר נ א ס – וועגן דער א יי נ ק ו י ף=ג ע ז ע ל ש א פ ט.

אין זיין באריכט וועגן דעם גאנג פון דער קרובים=אקציע ווייזט אן ד"ר לוואוויטש, אז פון 1=טן אָקטאבער 1928 ביזן 1=טן יולי 1929 זיינען בא די אָפטיילונגען פון „אָרט“ אין ניו=יארק און אין רוסלאנד פארעגיסטרירט געווארן 5,476 א נ מ ע ל ד ו נ ג ע ן אויף מאשינעס, פון זיי רוסישע אָנמעלדונגען — 3776; אַמעריקאנישע – 1700. ב א ש ט ע ל ו נ ג ע ן אויף מאַשינעס זיינען פאר דער זעלביקער צייט געמאכט געווארן — 1008, (אויף דייטשישע מאַשינעס – 621, אויף אמעריקאַנישע — 387). דער באטרעף פון די באשטעלטע מאשינעס האט שוין דערגרייכט ביז 1,063,512 מאַרק, פון דעם 84,488 מארק פאר די לעצטע 3 חדשים פון 1928 און 1,148,000 מארק פאר דער צייט פון 1=טן יאנואר ביזן 1=טן יולי 1929.

די קרובים=אקציע, וואס פארכאפט אליך ברייטערע קרייזן, געפינט זיך נאך אין דער ערשטער שטופע פון איר אנטוויקלונג, און עס פאדערן זיך זעהר פיל כוחות און אנשטריינגונג, כדי אוועקצושטעלן די זאך אויף דער געהעריקער הויך. צוליב דער גרויסער קאמפליצירטקייט פון דער אויפגאבע איז נאטירליך, אז די ערשטע צייט זאלן זיך מערקן געוויסע דעפעקטן אין דער אָרגאַניזאציע פון דער ארבעט. מיט ווייטערדיקער דערפארונג, דארף מען האפן, וועלן די פעלערן ביסלעכווייז באזייטיקט ווערן.

מיט זעהר א באפרידיקנדיקן באלאנס האט געשלאסן דאס פארגאנגענע אָפעראַציע=יאָר די איינקויף=געזעלשאפט. איר אומזאץ האט אין 1928=טן יאר באטראפן 1,951,029 מארק, און שוין פארן ערשטן האלב=יאר 1929 האט דער אומזאַץ דערגרייכט 1,464,000 מאַרק.

דער פארגלייך מיטן יאר 1928 ווייזט, אז די צאל קלענערע און מיטעלע באשטעלונגען, ד. ה. די באשטעלונגען פון קליינע האנטווערקער און קליין=פאבריקאנטן זיינען אין ערשטן האלבן יאר 1929 באדייטנדיק אויסגעוואקסן אין צאָל: אין קאָוונע אויף 75 פראָצענט, אין רומעניע ביז 70 פראָצענט, אין ריגע ביז 62 פראָצענט און א. וו.

אלס א באזונדערס שטערנדיקער מאמענט אין דער אנטוויקלונג פון די אָפעראַציעס פון דער איינקויף=געזעלשאפט ווירקן די באגרעניצטע קרעדיט=מיטלען אירע. דער קליינער בעל=מלאכה, וואס האט דרינגענד נויטיק צו רענאווירן זיין מאשינען=אינווענטאר, פאר וועמען די מעכאַניזירונג פון דער ארבעט איז ערשט געווארן די ברענענדיקסטע פראגע, א פראגע פון עקזיסטעניץ, איז אָבער ס'רוב ניט בכח מיטאַמאָל צו באצאלן דעם נויטיקן פרייז. אויף אזא אופן איז פארשטארקן דעם גרונט=קאַפּיטאַל פון דער איינקויף=געזעלשאפט און אויסגעפינען קרעדיט=מעגליכקייטן פאר די קליינע באשטעלער אן אויפגאַבע, וואס מוז וואס גיכער געלייזט ווערן.

## באַריכטן פון לאַנד-אָרגאַניזאַציעס

### סאָוועט-רוסלאַנד

די ארבעט אין סאוועט=רוסלאנד, האט אונטערגעשטריכן אין זיין באריכט י. צ ע נ ע ל נ י צ ק י, קומט פאר אין באזונדערס שווערע און פארפלאָנטערטע באַדינגונגען. די אלטע פראגן און פראָבלעמען זיינען נאך ווייט ניט געלייזט און יעדן טאָג קומען צו אליך נייע און נייע.

דער רעדנער שטעלט זיך אפ קודם כל אויף דער לאנדווירטשאפטליכער ארבעט, וואס די מיטיילונג וועגן דעם האבן מיר געבראכט אויבן אין באריכט וועגן פלענום און טיילווייז אין באריכט פון דער צ. פ.

ער גייט דערנאך איבער צו דער מיטיילונג וועגן דער ארבעט אויף די אנדערע געביטן.

איינער פון די נייע און וויכטיקע וועגן, אויף וועלכע מיר גייען שוין איצט מיט דערפאלג, איז – די אינדוסטריאַליזירונג פון דער יידישער באפעלקערונג. מיר האבן אוועקגעשטעלט די אינדוסטריאליזירונג=פראָבלעם פאר די מאסגעבנדע קרייזן פון דער סאוועט=רוסישער געזעלשאפטליכקייט און קודם כל פאר דער יידישער געזעלשאפטליכקייט פון לאנד. מיר האבן געזאגט: לאנדווירטשאפט, קאלאָניזאַציע אליין איז נאך ווייט ניט גענוג. ס'איז אוממעגליך אַריבערצופירן די גאנצע יידישע באפעלקערונג אויף ערד=ארבעט. און דעריבער איז עס א גוואלדיקער פעלער, ווען מ'גיט אפ די גאנצע אויפמערקזאמקייט און אלע מיטלען אויסשליסליך אויף קאלאניזאַציע און דעריביי קוקט מען גלייכגילטיק צו אויף דעם אומגעהויערן חורבן, וואס קומט אליך ווייטער פאר אין דער יידישער שטאט און שטעטל. עס מוז זיך אויך דארט אנהויבן אן ארגאַניזירטע, פלאנמעסיקע אַרבעט.

מיר פירן איצט אונזער אינדוסטריאליזירונג=ארבעט אין 2 ריכטונגען. די ערשטע ריכטונג גייט דורך דער יידישער קאָאָפעראציע אין שטאט און שטעטל. די יידישע קאָאָפעראַציע אין סאָוועט=פאַרבאַנד נויטיקט זיך איצט ניט אזוי אין געלט=מיטלען, ווי אין מאשינעס און רוי=שטאף. מיר האבן שוין באוויזן צו שטעלן זיך אין פארבינדונג כמעט מיט דער גאנצער גע'ק פון די עטליכע הונדערט יידישע קאָאָפעראַטיוון און באדינען אויף אזא אופן העכער 100 יידישע שטעט און שטעטלעך. די מאשינעס, וואס מיר האבן ביז איצט פארטיילט, זיינען געגאנגען הויפטזאכליך פאר בעלי=מלאכות.

גאר גרויסע פערספעקטיוון האט די ארבעט פאר קרובים=הילף. דורך דעם אָפמאַך מיט דער רעגירונג קאנען מיר די דאזיקע ארבעט פירן אין א ברייטן מאסשטאב און באדינען פיל טויזנטער דעקלאסירטע משפחות, פאר וועלכע אט די נייע פאָרם פון הילף איז באמת א רעטונג און א דערלייזונג פון דער אומדערטרעגליכער, קאטאסטראָפאלער לאגע. פאר דעם קורצן פעריאד, זינט מיר האבן רעגולירט די אלע פאָרמאליטעטן פון באַשטעלונג און אריינפיר פון די מאשינעס, האבן מיר באוויזן אריינצופירן אן ערך 800 מאשינעס. אנמעלדונגען אויף מאשינעס האבן מיר פאר דער זעלבער צייט באקומען עטליכע טויזנט און זייער צאל וואקסט פון טאג צו טאג. דעם ביורא פון „אָרט“ אין מאסקווע קומט איצט אויס צו פירן א קאָרעספּאָנדעניץ מיט פיל הונדערטער פאמיליעס, וואס ווענדן זיך פון פארשיידענע שטעט און שטעטלעך מיט בקשות צו פארבינדן זיי מיט זייערע אמעריקאנער קרובים. יעדן טאג באזוכן אונז הונדערטער פערזאנען, וואס קומען מיט אט די בקשות. די פּאָפּולאַריטעט פון דער קרובים=אקציע וואקסט פון טאג צו טאג.

די נייסטע פּראָבלעם, וואס האט זיך זעהר שאַרף אוועקגעשטעלט פאר אונז די לעצטע צייט, איז די פּראָבלעם פון דער יידישער יוגנט. דאָ האָבן מיר פאַר זיך אַ טראַגעדיע, וואָס ווייס ניט איר גלייכן, א טראגעדיע פון העכער 200.000 יוגנטליכע, געזונטע, ארבעטספעאיקע, וואס ווילן ארבעטן, וואס זוכן ארבעט און האבן ניט ווו זי צו געפינען. אויך אין אט דער פראגע — פון א ראַציאָנעלער און פלאַנמעסיקער הילפס-אקציע פאר דער יידישער יוגנט פון שטאט און שטעטל — האט „אָרט" געגעבן די איניציאַטיוו. ביז איצט האט זיך אבער נאך ניט איינגעגעבן אוועקצושטעלן די ארבעט אין א גרויסן געהעריקן מאסשטאַב. אין די שולן פון „אָרט" לערנען זיך היינט צוטאג אן ערך 1.700 יידישע תלמידים און הגם מיר האפן, אז אין קומענדיקן יאר וועט זיך אונז איינגעבן צו פארגרעסערן אונזער שול-נעץ, מוזן מיר דאך זאגן, אז דאס איז בלויז ניט מער ווי אַ טראָפּן אין ים.

די דרינגענדע אויפגאבע, וואס שטייט איצט פאר „אָרט" אין רוסלאנד און פאר די אלע עקאנאָמישע ארגאַניזאַציעס, וועלכע ווילן טאן א קאנסטרוקטיווע ארבעט, איז דאס ארייננפירן די יידישע יוגנט אין די פאבריקן. דאס איז אן ארבעט, וואס וועט זיין פארבונדן מיט אומגעהויערע שוועריקייטן. מיר האבן שוין געפירט אונטערהאנדלונגען מיט די פאראנטווארטליכע רעגירונגס-שטעלעס און מירן באקומען פון זיי די פולקומע הסכמה און אונטערשטיצונג. ס'איז אויף די מיטלען פון „אָרט" געעפנט געווארן א ספעציעלע פארבינדונגס-ביורא, וואס האט די אויפגאבע צו זוכן ארבעטס-געלעגנהייטן פאר דער יידישער יוגנט אין דער גרויס-אינדוסטריע, בא בוי-ארבעט א. א. וו. אייניקע אויסזיכטן אויף גרעסערע ארבעטספלעצער זיינען איצט פאראן אין דער מעטאַלורגישער אינדוסטריע פון קערטש און אין אייניקע גרעסערע אונטערנעמונגען פון לענינגראד, צאַריצין און יעקאַטערינבורג.

אונטערפירנדיק דעם סך-הכל פון אונזער ביז איצטיקער ארבעט אין רוסלאנד, וועלן מיר בלי ספק מוזן קומען צו גאנץ באפרידיקנדיקע רעזולטאטן. ס'איז אויסגעוואקסן דער פארנעם פון אונזער ארבעט. ס'איז אויך פארגרעסערט געווארן אין פיל פרטים איר קוואליטעט. די נויט פון דער יידישער מאַסע אין רוסלאנד וואקסט אבער מיט אן אומגעהויערן טעמפּ.

און מיר מוזן איצט פונאנדערוויקלען אונזער ארבעט וואס ווייטער און ברייטער. מיר האפן, אז ס'וועט זיך אונז איינגעבן אריינטראגן אין אונזער גאנצער ארבעט מער פלאן און סיסטעם און וועלן, לויט דער אויפפאדערונג פון דער רעגירונג, אריינפאסן אונזער טעטיקייט אינם גרויסן 5-יאריקן ארבעט-פלאן, וואס ווערט איצט אויסגעארבעט פאר אלע געביטן פוןווירטשאפטליכן לעבן פון לאנד בכלל.

## פּ ו י ל ן

ד"ר מ. זילבערפארב האט ניט אפגעגעבן קיין באריכט וועגן דער ארבעט אין פוילן. ער האט אנגעוויזן אויף די אויספירליכע באַריכטן, וואס דער צ. ק. האט ניט לאנג פארעפנטליכט און וואס דער תמצית זייערער איז געגעבן געווארן אין די פאריקע נומערן פון „ארט-ידיעות". ער האט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער אלגעמיינער לאגע פון דער יידישער באפעלקערונג אין פוילן און די אויפגאבן פון „ארט".

די יידישע וועלט, האט ער געזאגט, האלט די גאנצע צייט אין איין ריידן און זארגן וועגן דעם יידנטום פון סאָוועט-רוסלאנד. אהער זיינען געווענדעט אלע בליקן און אהער גייט די גאנצע הילף. אבער קיינער וויל ניט מערקן, אז דא, בא דער זייט, ווערט רואינירט דער גרעסטער יידישער קבוץ פון מזרח-אייראפע — דאס פוילישע יידנטום.

זייענדיק פולקום אָביעקטיוו, מוז איך דערקלערן, אז די לאגע פון דער יידישער באפעלקערונג אין פוילן איז אדאנק דעם, וואס די גרויסע הילף און געזעלשאפטליכע אויפמערקזאמקייט מיידט זי אויס, אין א געוויסער הינזיכט נאך טרויעריקער, ווי אין סאוועט-פארבאנד. איך קום ערשט פון א לייגנערער שטודיען-רייזע איבער די שטעט און שטעטלעך פון ווייס-רוסלאנד און אוקראַינע. איך האב דארט געזען דערשיטערנדע בילדער און סצענעס. פיל שטעט און שטעטלעך, וועלכע איך געדענק נאך אלס באלעבטע מיט א רעשיקן יידישן לעבן, מיט א פעסטן יידישן סוחרים- און פאבריקאנטן-קלאס, האב איך איצט געטראפן ווי א מדבר. אויף די הויפט-גאסן, אין צענטער פון יידישן לעבן שטייען די געשעפטן פארקלאפט מיט ברעטער. אויף דעם מארק דרייען זיך ארום פארחושכטע יידן, אבער זיי האנדלען ניט, ווייל זיי האבן ניט מיט וואס און פאר וואס. איך האב געזען די אומבאשרייבליכע נויט פון דער גרויסער מאַסע דעקלאסירטע. און דאך איז דאס אליין, וואס איך האב געזען, ניט אסך טרויעריקער פון דעם בילד, וואס מיר זעען פאר אונזערע אויגן טאג-טעגליך אין פוילן. וואס איז די פעולה, וואס דער האנדל איז אין פוילן פריי, וואס דער יידישער הענדלער איז א פרייער מענש, וואס האט רעכט זיך צו באוועגן ווי ער וויל, אז א דאנק די אייזערנע געזעצן פון עקאנאמישער אנטוויקלונג און דער ספעציעלער פאליטיק פון דער רעגירונג, וואס איז געווענדעט הויפטזאכליך קעגן יידישן האנדל און וואס ווערט דורכגעפירט מיט א זעלטענער איינגעשפארטקייט און אכזריות, איז די לאגע פון אט דעם הענדלער אליין קאַטאסטראפאַלער און אויסזיכטלאזער? ס'איז א האנדל אן אומזאיך-קאַפּיטאַל, אן גרונט-קאַפּיטאל. גייט זיך דורך דורך די נאַלעווקעס, דורך גענשע אין וואַרשע. ווער ס'געדענקט דעם הו-האַ, וואס האט דא אַמאל געהערשט, וועט דערשראקן ווערן פון דער כמעט טויטער שטילקייט, וועלכע ער וועט דא איצטער טרעפן. געוויס, מ'האנדלט דא נאך, מ'דרייט זיך נאך ארום, אבער איך בין זיכער, אז אט די אלע סוחרים און הענדלער פון די קליינע און פון די גרויסע קלייטן און געשעפטן זיינען ביטערע קבצנים, ארימע לייט, וואס זיינען געצוואונגען ווייטער צו האנדלען און אויפהאלטן דאס געשעפט, נאר כדי אויסצושלאגן די שטייער-סומען, וועלכע דער פינאנץ-אמט פאדערט פון זיי. דאס פוילישע יידנטום גייט אונטער. מיר האבן אין פוילן א שטילע לויה פון גרויסע יידישע מאסן.

איך וויל, אז אונזער היינטיקע סעסיע פון ראט זאל אויפהויבן איר שטים קעגן אט דער אומפארציילבער גלייכגילטיקייט, וואס הערשט אין דער יידישער וועלט בנוגע דעם גורל פון די 3 מיליאָנען פוילישע יידן. אין אלע אונזערע ארויסטרעטונגען, אין אלע קאמפּאַניעס און אקציעס פון „אָרט" מוז אונטערגעשטראכן ווערן די טראגישע און אויסוועגלאזע לאַגע אין פוילן. איך האלט עס פאר א גרויסן פארדינסט פון ד"ר סינגאַלאווסקי, וואס האט בשעת זיינע לעצטע אויפטרעטונגען אין אמעריקע דער ערשטער שארף און קלאר געשילדערט פאר דעם אמעריקאַנער יידנטום די לאגע אין פוילן אזוי ווי זי איז און געפּרוּווט צו באוועגן דעם פארבאנד פון די פוילישע יידן און דאס אמעריקאַנישע יידנטום בכלל צו פארטראכטן זיך אויף דעם גורל פון דעם פויליש-יידישן קבוץ און איבּ קומען צו הילף. די דאזיקע אויפקלערונגס- און פּראפּאַגאַנדע-ארבעט מוז פאַרטגעזעצט ווערן ענערגיש און אומדערמידליך.

אבער אויך אונזער אייגענע ארבעט אין פוילן מוזן מיר גרינטליך ענדערן און פארשטארקן. דאס, וואס מיר האבן דארט ביז איצט געטאן, איז אין פארגלייך מיט דער נויט — נאר קליין-ארבעט. מיר מוזן אויך אין פוילן ארויסגיין אויפן וועג פון ברייטער עקאנאמישער טעטיקייט, פונקט ווי מיר טוען עס אין רוסלאנד. פראפעסיאָנעלע בילדונג, לאנדווירטשאפטליכע טעטיקייט — דאס אליין, וואס מיר טוען אין משך פון די לעצטע עטליכע יאר איז געוויס נאר באזונדערס נויטיק און וויכטיק,

אבער דאס אַליין איז ניט גענוג. דאס לעבן האט פאר אונז אוועקגעשטעלט א קאלאסאַלע פּראבלעם — די פּראבלעם פון אינדוסטריאַליזירונג. דורך פארזארגן מיט מאשינעס און מכשירים און דורך מעכאַניזירונג מוזן מיר פארפעסטיקן די יידישע מלאכה אין פוילן, וועלכער ס'דראָט די געפאר צו פארלירן איר קונדשאפט צוליב טעכנישער אָפּגעשטאנענקייט.

מיר מוזן זוכן אויך אנדערע מיטלען און וועגן, ווי אזוי צו העלפן וואס מער ברייטערע מאסן פון דער באפעלקערונג אין איר קאמף פאר איר בלויזער עקזיסטענץ, אין איר געראנגל מיט דעם ווירטשאפטליכן אַנטיסעמיטיזם און מיט די אויסווירקונגען פון די מאנאפּאליסטישע און עטאטיסטישע מאָסנאַמען פון דער רעגירונג.

דער נאמען און די פּאפּולאריטעט פון „אָרט" איז אין פוילן די לעצטע צייט קאָלאָסאַל אויסגעוואקסן. די מאַסן האבן אנגעהויבן צו קוקן אויף אונז מיט צוטרוי און האפענונג. אבער די פאדערונגען, וואס ווערן אונז געשטעלט און די האפענונגען, וואס ווערן געלעגט אויף אונז, פארלאנגען פון אונז פיל מער, ווי מיר געבן. און אויב מיר ווילן איצט, אין אט דער שווערער און געפארפולער שעה פאר דעם פוילישן יידנטום ניט קומען אים צו הילף, דאן וועלן מיר ענדגילטיק פארלירן אונזער דערווארבענע אויטאריטעט און די סימפּאַטיעס און דעם צוטרוי פון די מאסן.

דאס זעלבע געפיל פון טיפן אומרו, וואס האט אויסגעבראכן אין דער רעדע פון ד"ר זילבערפארב, האט באהערשט אויך די ווייטערדיקע באריכטן פון די ערטער.

## בעסאַראַביע און בוקאווינע

אנר. פּ י י נ י ן, באַפולמעכטיקטער פון „ארט" אין ב ע ס א ר א ב י ע, האט, שילדערנדיק די לאגע אין אָט דעם לאנד און די פּאראָרימקייט פון דער יידישער באפעלקערונג אין די קאלאניעס און אין די שטעט און שטעטלעך צוליב דער שלעכטער גערעטעניש פונם לעצטן יאר, צוגעגעבן, אז די פיל בעסערע גערעטעניש פון הא-יאר וועט זעהר ווייניק קאנען ענדערן די שווערע לאגע פון דער יידישער מאסע.

דעם יידישן קבוץ אין בעסאַראַביע — האט ער געזאָגט — צעשטערן און מאכן חרוב ניט די צופעליקע נאטור-דערשיינונגען, ניט פלוצלינגע אומפאראויסגעזעענע סבות, נאר די ווירטשאפטליכע סיסטעם, וואס די רעגירונג פירט דורך בנוגע דעם פּריוואטן יידישן האנדל. ניט דער אנטיסעמיטיזם און די פּריוואטע קריסטליכע קאנקורענץ איז אונזער טויטפיינט, נאר די פּראָגרעסיוו-וואקסנדיקע קאָאָפּעראַציעס. דער גאנצער תבואה-האנדל, פון וועלכן עס האבן געלעבט צענדליקער טויזנטער יידישע פאמיליעס אין בעסאראביע, ווערט איצט קאנצענטרירט אין די קאָאָפּעראטיוון. איז דער יידישער האנדל אין בעסאַראַביע אויך אן דעם שוין צעבראכן געווארן צוליב דער אפּגעריסנקייט פון רוסלאנד, אזוי וועט אים די קאָאָפּעראציע אינגאנצן פארניכטן.

אויך אין בעסאַראַביע שטייען מיר פאר א געפאר פון דעקלאַסירונג פון ברייטע יידישע שיכטן, און עס מוזן געפונען ווערן מיטלען, ווי אזוי אָט די דאָזיקע געפאר אָפּצושוואַכן און אָפּצוווענדן.

די יידישע מלאכה אין בעסאראביע געפינט זיך אין א צושטאנד פון אונטערגאנג. זי קאן ניט קאנקורירן מיט דער מלאכה פון טראנסילוואניע, וועלכע שטייט אויף א פיל העכערן טעכנישן ניוואָ און האט די נויטיקע מיטלען אויף צו אָרגאַניזירן דעם אָפּזאַץ. די שטימונג צווישן די יידישע בעלי-מלאכות איז א שווערע און געדריקטע. גאנצע יידישע פאכן — דער שוסטער-, דער שניידער-פאך גייען אונטער.

„ארט" מוז איצט אוועקגיין אויף נייע וועגן. ער מוז נעמען אויף זיך די איניציאטיוו פון א גרויסער פּלאנמעסיקער עקאנאמישער ארבעט, אין ערשטער ריי — לטובת דעם יידישן האנטווערק, דערנאָך — פאר די דעקלאסירטע. די מאסע קוקט אויף אונז מיט האפענונג.

ד"ר ד י א מ א נ ט, אנפירער פון „אָרט" אין טשערנאוויץ (בוקאָווינע), גלייכט די לאגע פון דער יידישער באפעלקערונג אין בוקאָווינע אין פיל פּרטים מיט דער לאגע אין פוילן. דאָ ווי דארט — אן אומפריינטליכע, אפט פיינטליכע באציאונג פון דער מאכט צו די אקציעס פון „ארט" און צו זיינע נייע אונטערנעמונגען. מען מאכט אפילו שוועריקייטן פאר יידישע קינדער, וואס ווילן אריבערגיין פון דער פאָלקס-שול אין דער פּראָפעסיאנעלער שול. דאָ ווי דאָרט — א שווערע לאגע פון דעם יידישן האנדל און מלאכה. עס שטייט הארב די פּראָבלעם פון אריבערגיין צו אנדערע פּראפעסיעס, און דאס פאדערט אן ערנסטע, מעטאדישע ארבעט און נייע מיטלען. אין אָט דער דאזיקער נייער ארבעט וועט דער „ארט" געפינען די ברייטסטע אונטערשטיצונג מצד דער יידישער באפעלקערונג גופא.

## ליטע און לעטלאַנד

גאָר ניט קיין דערפרייענדיק בילד וועגן דער לאגע פון די יידן אין ל י ט ע האט געמאלט ד"ר ס ו ד א ר ס ק י. האנדל און מלאכה זיינען אויך אין ליטע אין א קלאגעדיקן צושטאנד. גאנצע שטעט און שטעטלעך לעבן כמעט אויסשליסלעך פון דעם, וואס קינדער, קרובים און פריינט שיקן צו פון דרום-אפריקע און פון אנדערע לענדער מעבר לים, וווהין ס'איז אמאל געגאנגען א שטארקע יידישע אויסוואנדערונג פון ליטע. אלס א געגנט, וואס האט תמיד געגעבן די פארהעלטניסמעסיק שטארקסטע עמיגראציע בא יידן, ליידט איצט ליטע גאר באזונדערס פון די איינוואנדערונגס-גזרות. די יוגנט, וואס האט זיך בלויז מיט עטליכע יאר צוריק געקאנט נאך מאסנווייז ארויסרייסן פון דער שווערער לאגע און אויסוואנדערן קיין דרום-אפריקע, קיין אויסטראליע, אורוגוואַי, בראזיליע א. א. וו., איז איצט געצוווּנגען צו פארבלייבן אין די פאראָרימטע שטעט און שטעטלעך, וווּ זי דרייט זיך ארום אן ארבעט. די פּראָבלעם פון דער יידישער יוגנט שטעלט זיך אויך אין ליטע אין א גאנץ שארפער און אַקטועלער פאָרם.

וואס אנבאלאנגט דער ארבעט פון „אָרט" אין ליטע פארן באַריכט-פּעריאָד, איז צו פארצייכענען אייניקע דערפאלגן. ס'האט זיך איינגעגעבן צוציען נייע 150 מיטגלידער. די פראגע וועגן א הויז פאר דער פּראָפ. שול און קורסן אין קאָוונע, וואס דער מאנגל אין דעם האט זיך זעהר שטארק געפילט, האט זיך מיטן באזוך פון ד"ר ל. בראמסאָן אין ליטע א ריר געטאן פון טויטן פונקט. די אלטע פּראָפּ. קורסן ווערן גוט באזוכט און האבן קונה שם געווען אין שטאט, פאר דעם יאר האט מען געעפנט נייע קורסן פאר שאָפערן, וואס האט ארויסגערופן א גרויסן אינטערעס בא דער יידישער באפעלקערונג. א דאנק א גינסטיקער געלעגנהייט, האט זיך איינגעגעבן הא-יאר צו באקומען פון דער רעגירונג א סובסידיע פאר דער פּראפעסיאנעלער שול. פאר דעם געלט האט מען איינגעשאפט א דיזל-מאטאר, און דורך דעם איז די אָפּטיילונג פון מעכאנישער שלאסעריי אין שול באַרייכערט געווארן מיט א נייעם לימוד-צווייג.

דער באַריכט-געבער פון לעטלאנד ה' לעוויטאַס באצייכנט אייניקע נייע מאמענטן אין דער טעטיקייט פון „אָרט" אין לעטלאנד פארן 1928-טן יאר. די ידיעות זיינען געבראכט אין ספּעציעלן באריכט, וואס דער לעטלאנדער „אָרט" האט ניט לאנג ארויסגעלאזן. (דעם תמצית פונם באריכט האבן מיר געגעבן אין נומער 5 „אָרט"-ידיעות).

# «אָרט»־אַרבעט אין אמעריקע

ווען דער ארבעט אין אמעריקע האבן אפגעגעבן באריכטן די צוויי דעלעגאַטן פון צ. פ. — ד״ר ה. לוואוויטש און ד״ר א. סינגאלאווסקי און אויך דער פארזיצער פון דער עקזעקוטיווע פון אמעריקאנער „אָרט“ ד״ר הענרי מאסקאוויץ.

ד״ר לוואוויטש האט אנגעהויבן זיין באריכט מיט דער שילדערונג פון דער „אָרט“־אַקציע אין אמעריקע מיט עטליכע יאר צוריק, ווען פארטרעטער פון פארבאנד זיינען צום ערשטן מאל געקומען אהין, און פון די ערשטע אפמאכן מיטן דזשאינט.

צוליב די דאזיקע אָפּמאַכן, האט ד״ר לוואָוויטש ווייטער געזאגט איז די ארבעט און די געלט־זאמלונגען פון „אָרט“ די ערשטע עטליכע יאר געווען געבונדן, און דעריבער איז די פאפולאַריטעט פון „אָרט“ אין אַמעריקע באדייטנדיק געפאלן.

אבער אויך נאכדעם, ווי דער טערמין פון דעם אפמאך מיטן דזשאינט איז אפגעלאפן און מיר זיינען פון קיין שום זייט ניט געווען געבונדן, האט זיך אונזער אַמעריקאַנער ארגאַניזאַציע אנגעשטויסן אויף גאניץ ממשות׳דיקע מניעות. פון אומעטום איז אויסגעקומען צו הערן איינס און דאס זעלבע: מיר, אַמעריקאַנער, האבן דאך אונזער אייגענעם „אָרט“, דעם „דזשאינט“, וואס פירט די ארבעט נאך אין א גרעסערן און א ברייטערן מאסשטאב. מיר זעען ניט איין די נויטיקייט און די צוועקמעסיקייט פון נאך א פאַראלעלער ארגאַניזאַציע.

איצט האבן מיר אמעריקע ווידער אַמאל אויפגערודערט. און אויפגערודערט נאר דערפאר, ווייל מיר זיינען געקומען מיט נייע און גרויסע פלענער און אידייען. ס׳איז געווען גאר ניט קיין גרינגע ארבעט. אין משך פון די לעצטע פאר יאר איז דער אינטערעס פאר דער הילפס־ארבעט אין אייראָפּע אין אלגעמיין געפאלן, און מיר האבן געמוזט בכלל אויפוועקן די יידישע געזעלשאפטליכע מיינונג, כדי אויך צו פארשטארקן דעם אפגעשוואכטן אינטערעס צו די אקציעס פון דזשאינט.

די ערשטע ארבעט פון דער דעלעגאַציע איז געווען — אויפצוקלערן דעם אמעריקאַנער יידן דעם זין און באטייט פון דער קרובים־אקציע. מיר זיינען איצט אליין דערשטוינט, ווי שנעל די דאזיקע אקציע איז געווארן פאפולער צווישן די ברייטע שיכטן פון דער יידישער באפעלקערונג אין אַמעריקע. און אט דער דערפאלג האט געבראכט צו דעם, אז דער אינטערעס פון דער יידישער געזעלשאפטליכער מיינונג פאר אונזער ארבעט איז גאר גיך באדייטנדיק אויסגעוואקסן. און דאן האבן מיר געקאנט אוועקשטעלן פארן אמעריקאַנער יידנטום א צווייטע און ווייטערדיקע פראגע: וואס זאל מען טאן מיט די נויטליידנדיקע אין רוסלאנד, אין פוילן א. א. וו., וועלכע האבן ניט דאס גליק צו קאנען געניסן פון אן אמעריקאַנער קרוב?

די ערשטע, וואס האבן זיך אפגערופן אויף דער פראגע, זיינען געווען די יידישע ארבעטער. די גרויסע מיטהילף פון „פארווערטס“, וואס האט געשטעלט צום דינסט פון דעם פאלקס־געציינ־קאמפיין זיין גאנצן אפאַראט און איינפלוס, און דער נאמען פון ב. וולאדעק, דעם פאפולערן יידישן ארבעטער־פירער, וועלכער האט זיך געשטעלט אין שפיץ פון קאמפיין און פירט אים מיט גרויס געשיקטקייט און ענערגיע, זיכערט דער אקציע דעם פולן דערפאלג.

א אויסשליסליכער וויכטיקער דערפאלג פון אונזער ארבעט אין אַמעריקע איז די אזוי־גערופענע קאלמאן־קאמפיין פאר מזרח־אייראָפּע. דער יונגער קאלמאן און דער יונגער פאַאול ווארבורג זיינען די בעסטע פארטרעטער פון דעם נייעם דור אמעריקאַניש־יידישער יוגנט, וואס הויבט ערשט אן זיך צו אינטערעסירן מיט יידישע ענינים און פראבלעמען. פאר זיי איז די „אָרט“־קאמפיין א מין ערשטע פראבע, דער ערשטער אריינטריט אין דער ספערע פון יידישער געזעלשאפטליכער ארבעט. און דעריבער זיינען זיי באזונדערס אקטיוו און איבערגעגעבן דער ארבעט.

נאך א וויכטיקע אָרגאַניזאַציע האבן מיר באוויזן צו געווינען פאר אונזער טעטיקייט — די פרויען־אָרגאַניזאַציע. זי איז אריינגעצויגן אין דעם קאלמאן־קאמפיין און האט באשטימט פאר זיך א קוואָטע פון 100.000 דאלאַר.

איך האָף, אז מיט דער צייט וועלן זיך ביידע קאמפיינס פאראייניקן און זיך צונויפגיסן. אבער ביז איצט האט עס אנדערש ניט געקאנט זיין. די אָביעקטיווע באדינגונגען אין אַמעריקע זיינען אזעלכע, אז מיר האבן געמוזט האבן צוויי באוועגונגען.

איך מיין, אז מיר קאנען ווירקליך זיין צופרידן פון די רעזולטאטן, וואס מיר האבן דערצילט. מיר האבן דערגרייכט ניט נאר א מאַטעריעלן דערפאלג, נאר האבן ארויסגערופן א שטארקע „אָרט“־באוועגונג און אויסגעבויט אן אָרגאַניזאציע, בא וועלכער מיר, דער צענטער, קאנען זיך שוין איצט לערנען און וועלכע וועט אונז נאך געבן ניט ווייניק ווערטפולע אנרעגונגען און אידייען.

דער צווייטער באריכט־געבער וועגן אַמעריקע ד״ר סינגאַלאווסקי האט געמאכט אן אינטערעסאנטן אנאַליז פון די פארשיידענע ריכטונגען אין דער אַמעריקאַנער יידישער געזעלשאפטליכקייט און איר באציאונג צו דער טעטיקייט און אויפגאבן פון „אָרט“. ער האט אויך אנגעמערקט די וועגן, מיט וועלכע „אָרט“ וועט האבן צו גיין בא זיין ווייטערדיקער ארבעט אין די פאראייניקטע שטאטן, און די עלעמענטן, וואס דעם „אָרט“ שטייט נאך פאר צו געווינען.

ווען מען ווארפט א בליק אויף דעם פארגאנגענעם יאר, מוז מען מודה זיין, אז אונז איז געלונגען פיל צו דערגרייכן. מ׳דארף אבער ניט איבערטרייבן, מיר האבן אַמעריקע נאך ניט איינגענומען. מיר האבן איצט געמאכט אן אנהויב. ס׳איז זעהר שווער אין אַמעריקע דורכצופירן אן ארבעט, וואס זאל לאזן פאר אונז פאזיציעס אויך אין דער צוקונפט. מיר טוען דאך ניט קיין ארבעט פאר אַמעריקע גופא. מיר קאנען נאר שפייזן די אַמעריקאַנער מיט רחמנות, אבער פון דעם אליין זיינען זיי שוין מיד.

כדי דער „אָרט“ זאל לאזן ווארצלען, איז געווען נויטיק אן ארבעט, וואס אנדערע ארגאַניזאַציעס טוען ניט. מיר האבן געדארפט זיך שטיצן אויף לאזונגען, מיט וועלכע מ׳האט אין אמעריקע ביז איצט ניט געארבעט. מיר זיינען דאס מאל געקומען קיין אַמעריקע מיט דער כונה — צו העלפן דער יידישער באפעלקערונג אין דער שטאט. ביז איצט האט מען גערעט נאר אויסשליסליך וועגן קאלאניזאַציע. די קאלאניזאַציע־אידייע האט פארכאפט די מוחות פון די אַמעריקאַנער יידן. מיר האבן איצט געהאלטן פאר אונזער חוב אנצווייזן, אז קאלאניזאַציע איז נאר איינער פון די מיטלען, מיט וועלכע מ׳קאן העלפן דעם מזרח־אייראפעאישן יידנטום. און אנווייזנדיק אויף דער דרינגענדער נויטיקייט אנצוהויבן א ברייטע הילפס־ און אופבוי־ארבעט אין דער שטאט, האבן מיר באטאָנט, אז דער שווערפונקט ליגט איצט אין דער אינדוסטריאַליזירונג. נאך איינס. מ׳האט ביז איצט תמיד און אומעטום גערעט נאר וועגן די נויטן אין סאוועט־רוסלאנד. מיר האבן דאס מאל געזאגט, ניין, ניט רוסלאנד אליין! נאר מזרח־אייראפע בכלל.

דאס איז ניט אזוי לייכט אנגעקומען. מ׳האט זיך שוין געהאט בארואיקט בנוגע אנדערע לענדער און ניט געוווסט, אז אויך דארט קומט פאר א צעשטערונגס־פראצעס און א חורבן פון אומגעהויערער קראפט. אבער איך רעכן, אז מיר האבן פאר אט דעם יאר אסך דער־

גרייכט אין דעם פּרט און אפּגעטאָן א גרויסע אויפקלערונגס- און דערציאונגס-ארבעט.

די נייע קאמפּיינס האבן אונז געגעבן נייע פריינט, וועלכע וועלן זיין דאס בינד-גליד צווישן אונז און די עלעמענטן, פון וועלכע ס'הייננט אפּ נאך עד היום דער גורל פון דער באוועגונג.

מיט דער אמעריקאַניש-יידישער אַריסטאקראַטיע זיינען מיר נאך ניט זיכער. מיר וועלן נאך מוזן גענוג קעמפן מיט איר. און ווען ס'וועט אין דער גאר נאענסטער צייט דערקלערט ווערן א פאראייניקטער דרייוו, וועט מען מוזן קעמפן, אז דער „אָרט" זאל דערביי קריגן דעם געהעריקן חלק און די געהעריקע אכטונג, וואס ס'קומט אים לויט דער פּאָזיציע און אנזען, וואס ער האט איצט בא די ברייטע מאסן און לויט דעם אינטערעס, וואס איז פאראן צו זיין ארבעט.

דערפאר אבער האבן מיר אין די ארבעטער געוווּנען א געטרייען, פעסטן און איבערגעגעבענעם עלעמענט. די געציינג-קאמפּיין איז געוואָרן א פאלקס-באוועגונג, א גרויסע מאָראלישע קראפט. די קאמפּיין האט דערווייל געשאפט אן ערך 61.000 דאָלאַר. דאס איז געזאמלט געווארן צווישן ארימע לייט, צווישן ארימע ארבעטער און איר וועט דא ניט געפינען קיין נדבה העכער 100 דאלאַר. אבער אט די קליינינקע נדבות זיינען געגעבן געווארן מיט אזא באגייסטערונג, מיט אזא ליבשאפט און טריישאפט, אז ווען מיר וואלטן געווען אימשטאנד אנצוהאלטן אט די באגייסטערונג און אויך אויף ווייטער אויסנוצן אט די איבערגעגעבנקייט, וואלט דאן אונזער צוקונפט אין אַמעריקע געווען געזיכערט.

איך פיל א באדערפעניש צו דאנקען פון טיפסטן הארצן די פירער פון אט דער באוועגונג פון די ארימע לייט, די פירער, וואס האבן אונז געהאלפן און העלפן אונז יעדער טאג אויך ווייטער צו פּראָפּאַגאַנדירן אונזערע אידייען. א באזונדערן דאנק דעם גענאסע ב. וו ל א ד ע ק, וואס גיט אָפּ פאר דער קאַמפּיין זיין גאנצע צייט, ענערגיע און אויפמערקזאַמקייט.

דער אינדוסטריאַליזאציע-לאזונג, מיט וועלכן מיר זיינען געקומען קיין אמעריקע, האט געהאט א גרויסן דערפאלג. איצט שטייט די פראגע — ווי אזוי רעאַליזירן דעם מאָראלישן דערפאלג און ווי אזוי געפינט מען דעם פּאַסיקסטן וועג און די פּאַסיקסטע אָ ר ג א נ י ז א צ י אָ נ ע ל ע פארם פאר דער דורכפירונג פון דער פּאקטישער ארבעט אויף דעם דאזיקן געביט. די שווערסטע פּראבלעם איז דא צו געווינען דעם צעשטויבטן, ניט ארגאַניזירטן מיטעלן קלאס, וועלכער איז צעווארפן איבער הונדערטער און טויזנטער קליינע און קליינינקע „סאסייטיס", „סענטערס" א. א. וו. גראד אין אט די קליינינקע, דער ברייטער יידישער עפנטליכקייט ווייניק באקאנטע, פאראייניקונגען ליגט א גרויסער טייל פון אַמעריקאַנער יידנטום מיט פעטע מיליאָנען.

מיר האבן דעם געדאנק פון קרובים-הילף ווייטער געצויגן און האבן געזאגט: נאך דעם קרוב — קומט די לאנדסמאנשאפט. זי איז די נאַטירליכע קערפּערשאפט, אויף וועלכער ס'מוז ארויפגעלעגט ווערן די פליכט צו העלפן יענע נויטליידנדיקע פון זייער אַמאליקן היים-אָרט, וועלכע האבן ניט קיין קרובים אין אַמעריקע. אונזער געדאנק האט בא די עקזיסטירנדיקע לאנדסמאנשאפט-פארבאנדן, ווי למשל, די אוקראַינישע פעדעראַציע, דער פארבאנד פון די פוילישע יידן, דער פארבאנד פון די ליטווישע יידן — געפונען דעם בעסטן אפּקלאנג. די דאזיקע דריי ארגאַניזאציעס האבן אויף א געמיינזאמער באראטונג מיט די פארטרעטער פון „אָרט" אין אַמעריקע באשלאסן אריינגיסן זיך אין „אָרט" און האבן איצט געבילדעט דעם אזוי-גערופענעם „ל א נ ד ס מ א נ ש א פ ט-ד ע פּ אַ ר ט מ ע נ ט". דער דאזיקער דעפּארטמענט גייט פון שטעטל צו שטעטל און ארגאַניזירט דארט הילפס-אקציעס. די פארם, וועלכע אט די אקציע האט פון אנהייב אן אנגענומען, איז א גאנץ נייע און, ווי מיר שיינט, די ריכטיקסטע. די פארם פון פשוטע געלט-זאמלונגען האבן מיר דא פארביטן מיט דעם סיסטעם פון בראנירטע סומען פאר באַשטימטע קאנקרעטע צוועקן און פאר אינדיווידועלע ספּעציפישע נויטן פון דער אדער יענער שטאט און שטעטל. יעדער לאנדסמאנשאפט, וואס דערקלערט דעם דעפּאַרטמענט איר בארייטשאפט צו העלפן אירע לאנדסלייט אין רוסלאנד, באקומט פון אונזער פארטרעטערשאפט אין רוסלאנד א גענוי-דורכגעארבעטן פלאן פון קאנקרעטע, פאר דעם אנטשפּרעכנדיקן פונקט צוגעפּאַסטע אונטערנעמונגען, מיט א דעטאלירטער, גענוי פעסטגעשטעלטער פינאנץ-סמעטע. די דערפאַרונגען, וואס מיר האבן פאר דער קורצער צייט באוויזן אנצוזאמלען, האבן אונז באוויזן, אז דער דאזיקער ארבעטס-מעטאד אימפּאָנירט די לאנדסמאנשאפטן גאר אויף א באזונדער אופן. זיי ווייסן, אז זייער געלט ווערט פארווענדעט אויף אן ארבעט, וואס גייט זיי פערזענליך אם נאענטסטן אן, און וועלכע זיי האבן די מעגליכקייט צו קאנטראלירן צו יעדער צייט.

ס'זיינען פאראן אין אַמעריקע נאך וועגן — איך מיין די אומצאָליקע ארדענס, וואס זיינען צעזייט איבער די פארשיידענע שטעט פון די שטאטן. מיר האבן בדעה גאר אינגיכן צו שאפן באם „אָרט" אין אמעריקע אויך א ספּעציעלן „ד ע פּ א ר ט מ ע נ ט פ ו ן ד י א ר ד ע נ ס", וואס זאל דא ווערבירן מיטגלידער פון „אָרט" און זיי אריינציען אין דער אקטיווער ארבעט.

מיר האפן, אז א דאנק די אלע אויסגערעכנטע אקציעס, וועט זיך אונז איינגעבן אין משך פון נייעם אפּעראציע-יאר צו שאפן די נויטיקע סומע פון 500.000 דאָלאַר. אבער איך מוז דא נאכאַמאל אונטערשטרייכן דאס, וואס מיר הערן קיינמאל ניט אויף איבערצוחזר'ן: — י ע ד ע ר ד ע ר פ א ל ג פ ו ן „אָ ר ט" א י ן מ ז ר ח-א י י ר א פּ ע א י ז א ו י ך א ד ע ר פ א ל ג פ ו ן אַ מ ע ר י ק ע. און וואס מער די ארבעט פון „אָרט" אין מזרח-אייראפּע וועט זיך אנטוויקלען געזעלשאפטליך, ארגאַניזאַטאריש, אלץ שטארקער און זיכערער וועט זיין דער דערפאלג פון אונזער זאך אין אַמעריקע.

די באריכטן פון ד"ר לוואוויטש און ד"ר סינגאלאווסקי דערגענצט ד"ר הענרי מ א ס ק א ו י ץ:

ווען מיר האבן זיך אנטשלאסן צו עפענען די נייע קאמפּיין פאר מזרח-אייראפּע, די קאמפּיין, וואס טראגט איצט דעם נאמען „קאלמאן-קאמפּיין", זאגט ער, האט זיך פאר אונז געשטעלט די פראגע וועגן פירער. מיר האבן זיך געמוזט אנטשליסן צו זוכן זיי צווישן די אַמעריקאנער יידן פון דייטשער אפּשטאמונג, ד. ה. צווישן די זעלביקע קרייזן, וואס שטייען די גאנצע צייט אין דער שפּיץ פון אלע צענטראלע אקציעס לטובת דעם מזרח-אייראפּעאישן יידנטום. מיר האבן זיך באמיט צו געווינען פאר דער אקציע די רייכע רוסישע יידן. צווישן זיי זיינען פאראן גרויסע מיליאָנערן — אבער, ליידער, אן דערפאלג. מיר האבן גענומען די יינגערע גענעראַציע פון די אזוי-גערופענע „יאהודים", א גאנץ באזונדערס סימפּאַטישן עלעמענט, וואס איז בלב ונפש אריינגעטאן אין דער זאך. און זיי האבן געלייסטעט באמת א אויסערארדנטליכע, וואונדערפולע ארבעט. דער בעסטער באוויז דערפאר איז די העכער 200.000 דאָלאַר, וועלכע זיינען געשאפן געווארן אין א פארהעלטניסמעסיק קורצער צייט. אונזער אויפגאבע און אונזערע באמיאונגען זיינען צו געווינען אט דעם ווערטפולן און העכסט-סימפּאַטישן עלעמענט ניט נאר פאר דעם קאמפּיין, נאר אויך אלס שטענדיקע „אָרט"-טוער, און מיר זיינען איבערצייגט, אז זיי וועלן אויך אויף ווייטער ניט אפּזאגן אונז אין זייער הילף און מיטארבעט.

וואס ס'איז שייך דעם „ארט“=קאמיטעט גופא, וואלט עס געווען ביז גאר פאלש צו מיינען, אז ביזן קומען פון דער לעצטער „אָרט“=דעלעגאַציע פון בערלין, איז ער געווען א טויטע אינסטיטוציע. מיר האבן באוויזן צו פארשפרייטן א גאנץ גרויסע נעץ פון „אָרט“=קאמיטעטן איבערן לאנד. מיר האבן געשאפן א גרויסע פרויען=ארגאַניזאציע, וואס איז זעהר אקטיוו און ווייזט ארויס איר שטארקע אקטיוויקייט אויך בא דעם איצטיקן קאָלמאן=קאמפיין. דאס שאפן די באדייטנדיקע געלט=מיטלען איז אויך געווען מעגליך נאר א דאנק דער אנגעשטרענקטער, סיסטעמאַטישער טאג=טעגליכער ארבעט. אונזער טעטיקייט האט זיך ניט אפגעשטעלט אויף קיין איין טאג. וואס מיר האבן געהאט נויטיק איז נאר — פריש בלוט, נייע לאזונגען, וועלכע האבן נאטירליך געקאנט קומען נאר פון אייראָפּע. איך זע פארן „אָרט“ אין אַמעריקע א גינסטיקע צוקונפט און איך בין איבערצייגט, אז די „אָרט“=ארבעט וועט תמיד ווערן געשטיצט פון דעם אַמעריקאַנער יידנטום — הן פון די רייכע און הן פון די מאסן. אין דעם אלגעמיינעם דזשאינט=קאמפיין, וואס וועט אין נאענטסטן יאר דערקלערט ווערן אין אַמעריקע, וועט „אָרט“ איינגעשלאסן ווערן, אזוי אז די נאענטסטע 5 יאר זיינען אויך געזיכערט. ס'איז איצט נאך שווער צו זאגן, ווי גרויס די קוואטע פארן „אָרט“ וועט זיין, אבער זי וועט בלי ספק זיין א גאנץ היפשע.

פון שטאנדפונקט פון מאַטעריעלער שטיצע איז די פראבלעם פון „אָרט“ אין אַמעריקע געלייזט. מען דארף דערביי ניט פארגעסן, אז די אמעריקאנער פראווינץ איז פון דער קאלמאן=קאמפיין כמעט ניט באריט און אויך פון דארט וועלן מיר קאנען באקומען גרויסע סומען.

ניט אזוי גינסטיק זיינען ביז איצט די אויסזיכטן בנוגע מיטגלידערשאפט. אבער איך מיין, אז די מיטגלידס=בייטראגן וועלן, בא די גרויסע און וואקסנדיקע ביודזשעטן פון אונזער פארבאנד, קיינמאל ניט קאנען שפילן קיין באדייטנדיקע ראלע.

„אָרט“ האט איצט געשאפן אין אַמעריקע א גוטע און אימפּאָזאַנטע באוועגונג, איך צווייפל ניט, אז אונזער ארבעט וועט זיין באגלייט פון דערפאלג, ניט נאר פאר נאענטסטן אפעראַציע=יאר, נאר אויך פאר די קומענדיקע 5 יאר.

ווי פריינט סינגאַלאווסקי, אזוי מוז אויך איך אונטערשטרייכן, אז דער דערפאלג פון „אָרט“ אין מזרח=אייראפע איז גלייכצייטיק אויך א גרויסער דערפאלג פאר אונז אין אַמעריקע. וואס מער איר פארשטארקט אייער ארבעט דא אויפן ארט, אליץ גרעסער און פאפולערער מאכט איר אונזער טעטיקייט אין אַמעריקע. „אָרט“ אימפאנירט דעם אמעריקאנער יידן. עס אימפאנירן אים די קלארע און אויסגעפרווטע ארבעטס=וועגן פון „אָרט“, די קלארע און ברייטע פראגראַם, ווי אויך די שטענדיקע באשטרעבונגען פון „אָרט“ צו ארגאַניזירן און פעסטיקן די זעלבסטשטעטיקייט פון די יידישע מאסן אין מזרח=אייראפע. באזונדערס שטארק אימפאנירט דעם אמעריקאַנער יידן די נייסטע פראגראַם פון „אָרט“ — די אינדוסטריאַליזירונג, אין וועלכער דער אַמעריקאנער ייד זעט אַ ווירקזאם און ראַדיקאל=מיטל אויף צו לייזן א רייע וויכטיקע פראבלעמען פון דעם דעקלאסירטן און חרובן מזרח=אייראפּעאישן יידנטום.

# «אָרט»־אַרבעט אין מערב־אײַראָפּע

## דייטשלאַנד

ד"ר מ. ט ר אַ ו ב ווייזט אן אין זיין איבערזיכט וועגן דער ארבעט אין דייטשלאנד פארן פארגאנגענעם יאר, אז אין קרייז פון „ארט“ ווערן אריינגעצויגן אליץ נייע און איינפלוסרייכע עלעמענטן פון דער דייטשיידישער געזעלשאפטליכקייט. געוויס זיינען אין פארגלייך מיט די קאלאָסאַלע אויסגאבן, וואס שטייען פארן פארבאנד, די סומען, וואס ווערן געזאמלט פאר „אָרט“ אין דייטשלאנד — פארן ערשטן האלב=יאר 1929 סך=הכל 63.000 מארק — גאנץ אומבאדייטנד, מ'דארף אבער ניט פארגעסן, אז דאס דייטשע יידנטום געפינט זיך אליין איצט אין א שווערער עקאנאמישער לאגע. דער יידישער מיטלשטאנד אין דייטשלאנד — און דאס איז דער שיכט, צו וועלכן מיר קאנען האבן א צוטריט און צו וועלכן אונז קומט אויס צו אַפּעלירן — איז פארארימט געווארן. ס'שטייט אין דייטשלאנד אליין די אקטועלע אנגעווייטיקטע פראגע, — ווי אזוי צו העלפן דעם מיטלשטאנד און אים ווידער אוועקצושטעלן אויף די פיס. בא אַזא סיטואַציע מוז מען די קוואטע פון אן ערך 100.000 ביז הונדערט און צוואנציק טויזנט מאַרק א יאר באטראכטן אלס א גאנץ גרויסע. אבער דער אינטערעס צו דער ארבעט פון „אָרט“ און די הילפס=באדייטשאפט פון גאנץ ברייטע קרייזן פון דער יידישער באפעלקערונג גיט אונז די האפענונג, אז מיט דער צייט וועלן די דייטשישע יידן פיגורירן אין ביודזשעט פון פארבאנד מיט נאך א גרעסערן אנטייל.

## פראַנקרייך

דעם באריכט וועגן די מעגליכקייטן און אויסזיכטן פון „אָרט“ אין פ ר א נ ק ר י י ך האט אפגעגעבן דער פארטרעטער פון „אָרט“ אין פּאַריזש ה' א. אַ ל פּ ע ר י ן. אין קעגנזאַץ צו ד"ר מאסקאוויץ, האט א. אַלפּערין באטאָנט, אז אין פראנקרייך זיינען עס ביז איצט געווען גראד די ר ו ס י ש ע יידן, וועלכע האבן זיך די ערשטע אפגערופן אויפן אַפּעל פונם פארבאנד און געשאפן פארהעלטניסמעסיק גרויסע סכומים. באראָן ג י נ צ ב ו ר ג, דער באַרימטער פילאנטראפּ לעאנאַרד ר א ז ע נ ט אַ ל און פילע אנדערע ווייזן ארויס אן אַקטיוון אינטערעס פאר דער ארבעט און די אונטערנעמונגען פון „אָרט“. די לעצטע צייט, מיטן קומען פון ד"ר. לעאָ ב ר א מ ס א ן קיין פּאַריזש, האט זיך אויך איינגעגעבן ארויסצורופן בא די פ ר א נ צ ו י ז י ש ע יידן מער אינטערעס פארן „אָרט“ און פאר דער הילפס=ארבעט אין מזרח=אייראפע בכלל. דער רעדנער גיט ווייטער אן איבערזיכט איבער דער קאמפּאַניע, וואס ווערט איצט געפירט אין פראנקרייך. (וועגן דעם איז שוין אויספירליכער מיטגעטיילט געווארן אין די פאריקע נומערן פון „אָרט“=ידיעות).

## ענגלאַנד

אויף א רייע שוועריקייטן שטויסן זיך אָן די „ארט“=אקציעס אין ע נ ג ל א נ ד. די סבות פון דעם האבן — ווי דער פארטרעטער פון ענגלאנד ה' מ אָ ו ש אָ ו י ט ש האט באריכטעט — קיין שום שייכות ניט מיט דער „ארט“=ארבעט גופא. דאס קאָנסערוואטיווע ענגלישע יידנטום האט זיך אפגעהאלטן פון גרעסערע הילפס=אקציעס לטובת דער יידישער באפעלקערונג פון סאוועט=רוסלאנד גאר צוליב פּאליטישע טעמים. אזוי אז די יערליכע קוואטע פון ענגלאנד פארן „אָרט“ האט געקאנט דערגרייכן ניט מער ווי 12.000 פונט. די נאענטסטע פערספעקטיוון שיינען אבער צו זיין גינסטיקער און בא געוויסע אנשטריינגונגען וועט מען דא זיכער קאנען דערגרייכן מער באפרידיקנדיקע רעזולטאטן.

אויך דער מזרח=אייראָפּעאישער טייל פון דער יידישער באפעלקערונג אין ענגלאנד — קודם=כל ווייטשעפל — האט זיך ביז איצט ניט ארויסגעוויזן פאר אן אביעקט פון גרעסערע זאמל=אקציעס. אפילו געוועזענע מיטגלידער פארן „אָרט“ און איינמאנען די מיטגלידס=אפצאלן קומט דא אן גאר ניט גרינג. די לעצטע צייט האט זיך אבער די לאגע אויך אין דעם פרט געענדערט צום בעסערן. די קרובים=אקציע האט אויך דא ארויסגערופן א גרויסן אינטערעס און א דאנק דעם איז שטארקער געווארן דער אינטערעס צו דער „ארט“=ארבעט בכלל.

אין די דעבאַטן, וואס האבן זיך אנטוויקלט ארום די באריכטן פון די ערטער אין די פלענאר=זיצונגען פון ראט און אין דער פינאנץ=קאמיסיע, האט די פראגע וועגן דער הילפסטעטיקייט פונם מערב=אייראפעאישן יידנטום פארנומען אן אָנגעזעענעם אָרט. בא דער פולער באפרידיקונג מיט די דערפאלגן, וואס זיינען דערגרייכט געווארן אין משך פון דעם לעצטן יאר, האבן די ראט=מיטגלידער ניט געקאנט דערדריקן דאס געפיל, אז דאס מערב=אייראפעאישע יידנטום און באזונדערס דאס ענגלישע יידנטום האט ניט דערפילט דעם חוב צו העלפן דעם ווידער=אויפבוי פון דעם רואינירטן יידישן קבוץ אין מזרח=אייראפע.

דאקעגן האבן א רייע פארטרעטער פון מזרח=אייראפעאישע לענדער געקאנט מיטיילן דעם ראט, אז די סיסטעם פון אינדיווידועלע זאמלונגען און פינאנציעלע איינצל=אקציעס, וואס די לאנד=קאמיטעטן פון „ארט" האבן ערשט די לעצטע צייט איינגעפירט, האבן זיך אויסגעצייכנט מיט דערפאלג און פארשפרעכן אויך ווייטער צו זיין א וויכטיקער מקור פון הילף. אזוי צ. ב. האט זילבערפארב (ווארשע) באריכטעט וועגן א געלונגענער איינמאליקער זאמל=אקציע אין לאדזש, וואס האט ארייננגעבראכט 15.000 דאל, און דער באפולמעכטיקטער פון „אָרט" איסוראוויטש (פוילן) וועגן א רייע אנדערע שטעט פון פוילן, ווי ווילנע, קאוועל, ראָוונע א. א. וו., ווו די זאמל=אקציעס פון „ארט" זיינען דורכגעגאנגען מיט א גרויסן מאטעריעלן דערפאלג.

## ביודזשעט פונם «אָרט»-פאַרבאַנד אויף 1929/1930

ד"ר. ל. בראמסאן האט פארגעלייגט דעם ראט דעם ביודזשעט=פראיעקט אויפן אָפעראַציע=יאר 1929=1930. די אלגעמיינע סומע פון ביודזשעט באטרעפט 987.500 דאלאר, ד. ה. אויף 532.840 דאלאר העכער, ווי אין פארגאנגענעם 1928=1929 יאר (454.660 דאלאר). די הכנסות שטעלן זיך צוזאמען אויף פאלגנדיקן אופן: 500.000 דאל. פון די פאראייניקטע שטאטן, 250.000 דאל. — פון לאקאַלע מיטלען און אונטערנעמונגען, 46.000 דאל. פון די מערב=אייראפעאישע לענדער, 20.000 דאלאר פון די זאמלונגען פונם פאראייניקטן קאמיטעט ארט=אזע=עמיגדירעקט, אן ערך 80.000 דאל. פון די אפעראציעס פאר קרובים=הילף און 75.000 דאָלאַר פון אנדערע סכומים. אויף אזא אופן ווערט דער ביודזשעט אויף 50 פראצענט געדעקט פון אַמעריקע, אויף 26 פראצ. פון די ארטיקע מיטלען אין די מזרח=אייראפעאישע לענדער, אויף 4,6 פראצענט פון די לענדער אין מערב=אייראפע און בלויז אויף 2 פראצענט פון די זאמלונגען פונם פאראייניקטן קאמיטעט ארט=אזע=עמיגדירעקט.

צווישן די הוצאות פארנעמען דעם ערשטן ארט די הוצאות אויף פראָפעסיאָנעלער בילדונג — אן ערך 280.000 דאלאר. נאך זיי פאלגן: אינדוסטריאַליזירונג מיט 260.000 דאָלאַר, לאנדווירטשאפט מיט 150.000 דאלאר, פארשיידענע מאסנאמען אויף צו פארשטארקן און אנטוויקלען דעם האנטווערק מיט אן ערך 70.000 דאל. און די הוצאות פאר קאנסטרוקטיווער קרובים=הילף מיט אן ערך 80.000 דאָל. אויב מען זאל פאראייניקן די הוצאות פאר פראפעסיאנעלער בילדונג, אינדוסטריאַליזירונג, פאר קאנסטרוקטיווער קרובים הילף און פאר די פארשיידענע מאסנאמען צו פארשטארקן און אנטוויקלען דעם האנטווערק, אזוי וועט זיך באקומען, אז דער גאנצער געביט פון אינדוסטריאַליזירונג און פון דער אנטוויקלונג פון דער יידישער מלאכה וועט אין דעם נייעם אפעראַציע=יאר איינשלינגען העכער 70 פראצענט פון דעם גאנצן ביודזשעט.

אין זיינע דערקלערונגען צום ביודזשעט=פראיעקט שטעלט זיך ד"ר בראמסאן אויף פאלגנדע הויפט=מאמענטן:

אין דעם נייעם ביודזשעט, זאגט ער, גייט אריין א סומע פון 260 טויזנט דאָלאר פון די צוויי קאמפיינס אין אַמעריקע, וועלכע איז באשטימט און פארבראגירט פאר דער אינדוסטריאַליזירונג. רעכנט איר אבער אַראָפ די דאזיקע ספעציעלע סומע פון דעם אלגעמיינעם ביודזשעט, אזוי וועט זיך באקומען, אז ווען מ'נעמט די אבסאלוטע צאלן, איז דער צוואקס פון די מיטלען פאר אונזערע אלטע, „נאָרמאַלע" ארבעט=געביטן — לאנדווירטשאפט און פראפעסיאָנעלע בילדונג — אין פארגלייך מיטן וואקס פון די באדערפענישן און פאדערונגען פון דער ארבעט גאר ניט אזוי שטארק. אונזער פינאנציעלע לאגע לייגט אלזא ארויף אויף אונז אויך אין קומענדיקן אָפעראַציע=יאר די ערנסטע און שווערע פליכט פון אויסערסטער פאָרזיכטיקייט אין די הוצאות, פון באשיידנקייט און שפארזאמקייט. זי לייגט אבער ארויף אויף אונז אויך דעם חוב — ווייטער און שטארקער אנצושטריינגען אונזערע כחות און מאכן וואס גרעסער די הכנסה פון די געלט=זאמלונגען סיי אין מזרח=אייראפע גופא, סיי באזונדערס אין די מערב=אייראפעאישע לענדער.

אויפן געביט פון אינדוסטריאליזירונג שטייען פאר אונז אָן א שיעור שווערע, פארפלאנטערטע פראָבלעמען. די ארבעט זאָגט צו גרויסע רעזולטאטן און עפנט ברייטע פערספעקטיוון. זי רייצט און ציט צו. און דא האלט איך פאר מיין חוב צו וואָרענען די טוער פון „ארט": עס טאָר בשום אופן ניט דערלאזט ווערן, אז די דאָזיקע נייע אויפגאבן זאלן אָפציען אונזער גאנצע אויפמערקזאמקייט און אונזער גאנצן ארבעטס=אימפעט.

פראפעסיאנעלע בילדונג און לאנדווירטשאפט, די צוויי געביטן, וועלכע זיינען ביז איצט געשטאנען אין צענטער פון אונזער ארבעט, מוזן אויך אויף ווייטער בלייבן אונזערע הויפט=יסודות און מוזן פון יאר צו יאר פארשטארקט און פארגרעסערט ווערן. ארויסגייענדיק פון דאזיקן געדאנק, האבן מיר אין דעם הא=יאריקן ביודזשעט פארדאָפלט די אויסגאבן פאר פראפעסיאָנעלער בילדונג (פון אן ערך 140.000 ביז 280.000 דאלאר) און די אויסגאבן פאר לאנדווירטשאפטליכער טעטיקייט געהעכערט פון אן ערך 114.000 ביז אן ערך 150.000 דאלאר.

וואס איז שייך דער לאנדווירטשאפטליכער טעטיקייט, ווען מיר מוזן די ארבעט פארברייטערן, איינשליסן א נייעם געביט — די שטעטלדיקע לאנדווירטשאפט אין קיעווער ראַיאן. די אויספירליכע באריכטן פון אונזערע באפולמעכטיקטע אין רוסלאנד, ווי אויך די ספעציעלע פארשונגען פון ד"ר זילבערפארב בעת זיין לעצטער נסיעה קיין רוסלאנד, רעדן אלע אין איין קול וועגן דער דרינגענדער נויטיקייט צו ארגאַניזירן און שטיצן יידישע גערטנעריי און פעלד=ווירטשאפט אין און ארום די שטעטלעך פון דער רעכט=ברעגיקער אוקראַינע. די מעגליכקייטן, וואס עפענען זיך דא פאר דער אנטוויקלונג פון אינטענסיווע און רענטאבלע קולטורן, לאזן האפן, אז אין א פארהעלטנישמעסיק קורצער צייט און ניט מיט קיין באזונדערס גרויסע מיטלען וועט דא קאנען געשאפן ווערן א קוואל פון חיונה פאר היפשע עטליכע טויזנט פאמיליעס.

דער געלונגענער פארזוך פון „אָרט" אין פוילן צו ארגאַניזירן לאנדווירטשאפטליכע קאָאָפעראַציון וועט אין קומענדיקן יאר מוזן פארטגעזעצט ווערן אין א גרעסערן מאָסשטאַב. האנט בא האנט מיט דער ארבעט אויף צו פארפעסטיקן די שוין עקזיסטירנדיקע 14 קאָאָפעראַציון וועט דא מוזן גייען דאס ארגאַניזירן נייע קאָאָפעראציון, ווי אויך די ווייטערדיקע אונטערשטיצונג און טעכנישע פארפולקאמונג פון דער

גערטנערײ, בינען-צוכט, מילך-ווירטשאפט א. א. וו. אלס א נייער געביט וועט דא מוזן צוקומען צו אונזערער ביזאיצטיקער ארבעט ליטע, ווי סימוזן אויסגענוצט ווערן די מעגליכקייטן, וואס זיינען דא, אויף צו פארברייטערן דעם שטח פון דער יידישער גערטנערײ און קליין-ווירטשאפט.

אין א ממשותדיקער פארברייטערונג נויטיקט זיך דער געביט פון פראפעסיאנעלער בילדונג. דא שטייט אונז פאר אין דעם קומענדיקן יאר צו עפענען אין א רייע שטעט — ווארשע, קישינעוו, דובנע א. א. וו. — נייע שולן, נייע שול-אפטיילונגען און קלאסן, ווי אויך אוונט-קורסן און ווארשטאטן פאר דערוואקסענע. אין אוקראינע און אין ווייסרוסלאנד וועלן — אין צוזאמענהאנג מיט דער ארבעט פון אריינציען די יוגנט אין דער גרויס-אינדוסטריע און אין די בוי-אונטערנעמונגען — מוזן געשאפן ווערן א רייע קורץ-טערמיניקע צוגרייטונגס-קורסן און ווארשטאטן.

אבער מיט דער צאלמעסיקער פארשטארקונג פון אונזער ארבעט און מיט דער פארברייטערונג פון איר שטח אליין קאנען מיר זיך נאך ניט באגנוגענען, מיר מוזן פארשטארקן אויך די קוואליטעט פון אונזער ארבעט אויף די דאזיקע געביטן.

בנוגע דער לאנדווירטשאפט האבן מיר אנגעמערקט א פראגראם פון פארגרעסערן דעם אינסטרוקטאזש, פארגרעסערן די צאל אגראנאָמען און שאפן באם צענטער אין בערלין א טעכנישע עקספערטיזע, וואס זאל קאנסולטירן די צענטראל-פארוואלטונג און די ארטיקע אפטיילונגען. ענליכע מאסנאַמען זיינען פארגעזען פארן קומענדיקן יאר אויך בנוגע דעם געביט פון פראפעסיאָנעלער בילדונג. מיר פארשטארקן דא קודם כל דעם אינספעקטאָראַט, מיר הויבן אויף דעם טעכנישן ניוואָ פון די שולן און ווארשטאטן, שאפן מער לער-מכשירים און אינסטרומענטן, רעמאנטירן און באנייען די שול-געבײדעס. דאס לעצטע שיינט אונז צו זיין גאר באזונדערס נויטיק און וויכטיק, און די צ. פ. באמיט זיך איצט צו שאפן א ספעציעלן פאנד, וואס זאל דערלויבן דורכצופירן אט די פראגראַם אין א ברייטערן פארנעם. מיר גלויבן, אז די דאזיקע געלעגנהייט וועלן מיר האבן א דאנק דער פייערונג פונם 50-יאריקן יובילײ פון „ארט", וואס פאלט אויס אין קומענדיקן הארבסט 1930.

מיר פארשפאָרן דא צו אונטערשטרייכן, אז דער דאזיקער יובל איז ניט נאר אונזערער, אן אינטערנער, פריוואטער יום-טוב. די 50 יאר פון „ארט" זיינען א האלב-יארהונדערט פון געזעלשאפטליכן לעבן און ארבעט פון מזרח-אייראפעאישן יידנטום בכלל. די אידייען, וועלכע די גרינדער פון „אָרט" האבן פראקלאַמירט מיט 50 יאר צוריק, האבן באַפרוכפערט דעם יידישן געזעלשאפטליכן געדאנק. דער גאנצער ווײטערדיקער גאנג פון דער עקאנאמישער אנטוויקלונג פון דעם יידישן קבוץ אין מזרח-אייראפע און גאר באזונדערס די לעצטע טרויעריקע תקופה האט אויפן גלענצנדיקסטן אופן באוויזן, ווי גערעכט און וויטזיכטיק ס'זיינען געווען די באגרינדער און פירער פון אונזער באוועגונג. דער „אָרט"-פארבאנד האט דעריבער דאס פולע רעכט צו גלויבן און צו האפן, אז די פייערונג פון אט דעם 50-יאריקן יובל וועט בא אלע קרייזן פונם יידנטום אין אלע לענדער געפינען דעם ברייטסטן רעזאָנאַנס און אז די באשטרעבונג פונם פארבאנד צו באצייכענען אונזער יום-טוב מיט א ווירדיקן און בלייבנדיקן אקט, וועט אומעטום באגעגענען די געהעריקע סימפאטיע און אונטערשטיצונג. די צענטראל-פארוואלטונג האט באשלאסן צו שאפן צום מאמענט פון יובילײ א פאנד פון 200.000 דאלאר, וואס זאל אויסגענוצט ווערן אויסשליסליך אויף בויען נייע געביידעס פאר אונזערע פראפעסיאנעלע שולן און אויף רעמאָנטירן די אלטע געביידעס און איינריכטונגען.

אין דער ריכטונג פון קוואליטאטיווער פארבעסערונג וועט אין קומענדיקן יאר גיין אויך די ארבעט פאר קאנסטרוקטיווער קרובים-הילף און קאנסטרוקטיווער הילף פאר די דעקלאסירטע בכלל. די אינדוסטריאַליזירונג און די פארזארגונג מיט מאַשינעס און מכשירים פאדערט אויך א טעכניש פאַכליכע צוגרייטונג און אינסטרואירונג. אין ערשטער רייע האבן מיר בדעה איינצואָרדענען אין משך פון דעם קומענדיקן יאר גרעסערע האנטווערק- און מכשירים-אויסשטעלונגען אין סאוועט-רוסלאנד און אין אנדערע לענדער פון אונזער ארבעטס-פעריפעריע.

